Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Moskve, 1941

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

פּערעץ מאַרקיש

# אַ טויט די קאַניבאַלן!

לידער

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

02
A
.014544

פּערעץ מאַרקיש

# אַ טויט די קאַניבאַלן!

לידער

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1941

# אינהאלט

זייַט

צוריק אין הייל אריַין . . . 3
שווארצע שייַטערס . . . 10
קייוער־ווערעם . . . 14
זייַן מוט איז העכער פון די שטערן . . . 15
די שוווע פון דער שווערד . . . 16
יעדער טאנק וועט א קייווער זיי ווערן . . . 19
דעם קאניבאלס טראָפּייען . . . 21
די „אומבאזיגבארע“ . . . 23
אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי . . . 25
רויטארמייער . . . 30
דעם קאַמיוג . . . 33
דאָס פאָלק באוואָפנט זיך . . . 35
א דייַטשישער געפאנגענער . . . 38
געפאנגענער פאשיסט . . . 41
דאָס ליד פונעם פוילישן פארטיזאן . . . 43
פארטיזאנער . . . 44
גאסטעלאָ . . . 46
א פאטרול איבער מאָסקווע . . . 52
א לופטיקער אליארם . . . 54
אין באנאכטיקער וואך . . . 56
דעם פארוווּנדעטן רויטארמייער . . . 58
Ex oriente — lux . . . 60

П. Маркиш

СМЕРТЬ КАНИБАЛАМ

Редактор *Н. Левин*

Подписано к печати 22/VIII 1941 г. А 38108. Тира
2 печ. л., 2,1 уч. изд. л. Зак. 498.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР тр
Москва, Шлюзовая наб., 10

Universitäts-
bibliothek
UNIVERSITÄT POTSDAM
Inventarnr.
*98031066*

## צוריק אין הייל אריין!..

אונ ווי דו זאָלסט די האק איבער די אקסל ניט פארהויבנ,
אונ ווי דו זאָלסט ניט אויסשפרייטנ דאָס פייער אונ דעם רויכ
אפ ווילדער פייערונג פונ מאָרדנ אונ פונ רויבנ, —
שטייגסטו די מאלפע דאָכ ניט איבער אינ דער הויכ,
אונ ניט דעם וואָרעם — אינ באגערנ,
אונ ניט דעם כאזער—אינ געוואג!
— איז וואָס זשע האָסטו נאָכ צו טאָנ אונטער די הויכע שטערנ
מיט דיינ פארבלוטיקטער געקרוינטער האק?

— צוריק אינ הייל אריינ! — דורכ כורבנדיקע הויפּטשטעט!
— צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אינ פלעט —
פארנעמ זיכ, קאניבאל, מיט האקנקרייצ אונ רויב-שטיינ
אונ אלצ, וואָס דו באגעגנסט אפנ וועג, — צעטרעט!
עס ווארפט די צייט פונ דער געשיכטע דיכ אראָפּ
אנ אָפּגעלעצעוועטנ אפ דער אקס זיכ,
באזעצ זיכ ווידער אינ א הייל, מיט הערנער ווער באוואקסנ,
דיר וועט זיכ נאָכקויקלענ מיינ ברודערס אלטער קאָפּ,
וואָס דו האָסט אָפּגעהאקט פונ זיינע אקסל...

אויב זענ דו קאָנסט, — איז קוק א ווייל צו אימ זיכ צו נאָר,
דערקאָנענ וועסט אינ אימ דעמ שטאמ,
וואָס האָט דער ערשטער דיכ געלערנט זיכ ניט בוקנ צו דעמ דונער

און אָפּפערונג ניט אופבּרענגענ צומ פלאמ;
אויב אומקערנ דו קאָנסט זיכ אפ א רעגע צומ פארשטאנד
אונ ס׳קאָנענ דײַנע אויגנ כאָטש א רעגע דיר געטרײַ זײַנ,
ווּעסטו אינ אימ דערמאָנענ זיכ דעמ שטאמ,
וואָס האָט די קייט פונ דײַנע הענט געלערנט דיכ צערײַסנ,
ווענ איבער דײַנע מוסקולנ געוועלטיקט האָט די שרעק,
ווענ ניט געקאָנט האָסטו די הענט דײַנע פארשטיינ נאָכ,
אונ מיט דײַנ זײַנ האָט אינ דער פינצטערניש באוועגט
די בלינדע קראפט פונ שטעקנס אונ פונ שטיינער...

נאָר ס׳איז דײַנ בליק אזוי, ווי פונ דער הייל וואָלסט קיינמאָל ניט
אוועק,

נאָר טיפער נאָכ אינ איר גענידערט,
אפ וויפל ס׳האָט דאָרט פינצטערניש געקלעקט,
אפ וויפל האָסט אינ שרעק פאר איר געקניט דאָרט,
ווי דאנ, ווענ דײַנ בארופ — זיכ אָנצופרעסנ זאט
מיט שוואכערעס פונ זיכ אפ העפקערע געיעגנ,
האָסטו דײַנ מוט באווײליקט אונ באשטאט
דורכ שארפ פונ ציינ אונ מאָס פונ נעגל.

אויב שענקענ וועט דיר נאָכ דער טאָג א טראָפּנ שײַנ,
אויב ס׳וועלנ זיכ אפ דיר ניט אָנוואַרפנ די שטיינער,
איז אינ פארקילטע אויגנ זײַנע קוק זיכ אײַנ,
פארבלײַב מיט אימ דאָרט איינ-אליינ נאָר
אונ לייענ אויס אינ זיי אָנ ראש,
אונ פארגעדענק, אונ אינ דײַנ פינצטערער געדעכעניש פארטײַע:
— פונ פײַער איז געבליבנ אש,
אונ דער געדאנק האָט זיכ געהארטעוועט אינ פײַער!

קוק אײַנ זיכ אינ זײַנ קאלטנ בליק, ווי אינ דער טיפ פונ צײַטנ,
אונ פונ דער ווײַטסטער ווײַט דערהער:

— זי דרייט זיך דאָך, די ערד,
אינ טרוימ אינ ליכטיקנ געלײַטערט,
אונ ניט די שפּיז, אונ ניט די שווערד,
אונ ניט די האַק, אונ ניט דער שײַטער
האָט אימ זײַנ אופגאַנג צווישנ שטערנ ניט געשטערט!

איז קוק זיך אײַנ אינ אימ אונ זאָל דיר זײַנ באַוווּסט:
מ'האָט אימ געקעפּט. ער האָט אינ שײַטערהויפנס אויך געברענט שוינ.
ער איז אַ ייִד. ער איז אַ דײַטש. ער איז אַ שפּאַניער אונ אַ רוס,
אונ — שטאַרבט ניט. ניינ! ער גיט דאָס לעבנ אָפּ דער מענטשהײַט,
דער פרײַהײַט, אונ דעמ פרילינג, אונ דעמ גרינס,
אונ בלײַבט אינ זיי אומשטערבלעך אייביק.
אונ דו? דו האָסט דאָך פריִ'ר פאַר אַלצ געניטשערט אינ זײַנ מינצ,
די טאַשנ פריִ'ר פאַר אַלצ אימ אויסגעטרייבערט!..

נעמ אויך זײַנ קינד מיט זיך, וואָס האָסט מיט דײַנע הענט דערמאָרדעט,
ס'איז שוינ פונ אַלצ באַפרײַט,
אונ ס'איז שוינ זייער ווײַט...
איז קוק אָפּ דעמ, ווי לאַנג די אויגנ זיך באַוועגנ,
דו וועסט קיינ מענטש דערנאָך אַ לאַנגע צײַט
ניט זענ אָפּ דײַנע וועגנ...
איז קוק אונ זיך געזעגנ!
דאָס וויגעלע זיך וויגט אַ ליידיקס, אויסגעבעט מיט היי,
אַנ איינזאַמ בוך האָט שטיל געפונענ זיך אַנ אָרט דאָרט,
אונ ס'וויגנ צוגווינטנ דאָס וויגל מיט געוויינ...
ס'איז מיר אַ שאַנד אונ ס'טוט מיר וויי —
איז וואָס? דו רוק נאָך אינ דער פינצטערניש אַרײַנ דײַנ טעמפּע מאָרדע,
צעלאַך זיך, קאַניבאַל, אונ — גיי
צוריק דײַנ לעצטנ וועג — אַ בלוטיקער, פאַרשטויבטער,
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אינ פּלעט —

צוריק אין הייל אריין מיט האקנקרייץ און רויב-שטיין,
דעם לעצטן טאָג דיינעם פארשיקער און צעטרעט!

ס׳באגלייט דיך מאָרד, און רויב, און סרייפע,
און אָנגעיוירטע פעסט פון גאָרן לאנד;
די ווייטן — אָנגעטאָן אין אומעט — זיך צעלויפן,
און וועגן ווארגן זיך אין טרויער און אין שאנד.
האָסטו זיך דען געווינטשט א בעסערן פאראד?
געטרוימט האָסט א באגלייט א רייכערן דען האָבן?
דיין ברוינער גיפט איז אָנגעזויפט און זאט,
עס עקלט נאָר זיך צו דיין ברוינעם גיר דערגראָבן;
ווארשיינלעך איז עס — נאָבל בלוט פון העכסטן גראד,
וואָס איך באשענקט מיט דעם זיינען בעסאלמענדיקע ראָבן...
נאָר קיינער האָט אפ דעם זיך ניט פארטראכט,
ווי אפ דעם נאָבל בלוט פונעם שאקאל און פון זיין גירן,
וואָס יאָגט אים מיט געוואָי ארויס איבער דער נאכט
זיך אָנפרעסן צו זעט מיט פאדלע און פעגירע;
עס קערט זיך בלויז אין עקל אָפ די ערד,
און ס׳קאָנען עס געוויקסן ניט באגרייפן,
וואָס די נאטור האָט מיט איר קלוג געזעץ און רעכט
פון אומבייט שטענדיקן און בליענדיקן רייפן
דיך ניט פארניכטעט און פארווערט!

ס׳וועט עפשער א דרעסירער, היטנדיק א היכע צאם,
אין אומרו נאָכקלערן פארוואונדערט
וועגן צווייפיסיקן היבריד פון כייע און פון כאם,
וואָס האָט זיך אופגעביילט אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט;
ער וועט פארכידעשט זיין און קלערנדיק ארומגיין:
— פון וועלכע צייטן האָט מען דיך געבראכט,
פון וועלכן וואלד, פון וועלכע דזשונגלען,

פון וועלכער פּינצטערניש, פון וועלכער נאכט?
און ניט פּאָטופּענ וועט זיך עס אין קאָפּ אים,
די אויגנ ווענדנ וועט ער ניט פארשטיינ וווהינ,
ווענ, ווי מיט שטיינער, וועט עס אים דעם מוי׳ך צעקלאפּנ,
און אויסברעכנ נאָך וועט אים, ווי די גאל, אייראָפּע.

און אז מיט שײַטערס ביסטו דורכגעגאנ בערלינ,
ווי א פּולקעפּעדיקע מאלפּע,
וואָס האָט צום ערשטנ מאָל דערזענ דעם מענטש,
אינ מי באזינט, אינ פרידלעכקײַט געשטאלטיקט,
און אים באגרײַפנ ניט געקענט,
און אים באפאלנ און — פארגוואלדיקט!
נו יאָ, ווי האָסטו אנדערש דענ געקאָנט באגיינ זיך,
ווענ ס׳איז נאָך העלדנטאט דיר אויסגעגאנ דאָס כײַעס;
נו יאָ! ס׳איז קלאָר, אז צווישנ מענטשנ איז דיר אומרויִק און איינזאם,
און גוט און היימלעך — צווישנ כײַעס...

דערצייל, דערצייל אים, דעם דרעסירער, קאניבאל,
אז אפ דײַנ ברוינער פעל, אפ דײַנע רויבערישע נעגל
האָט זיך די צײַט אוועקגעזעצט מיט גוואלד
און קעגנ דײַנ פארלאנג גענומענ דיך באוועגנ, —
דערצייל, דערצייל וועגנ דײַנ גרויסנ צאר,
אז גלאט אזוי, אז אפ בייזוווּנדער
האָט אפּנ האלדז די צײַט דיר אָנגעטאָנ א קאלענדאר
פון צוואנציקסטנ יאָרהונדערט,
און דו האָסט אָפּקומענ באדארפט —
זיך פאר א מענטש פארשטעלנ ביזנ גרונט דאָרט.
איז עס פאר דיר געווענ צו טראָגנ אזא אָל דענ?
צי דענ איז פאר דײַנ קוי׳ך געווענ צו טראָגנ אזא מוז?
איז האָסטו איר —

דער צײַט —
א קריג געמאָלדן
מיט אלץ, וואָס האָסט פארמאָגט אין דײַן רעשוס,
מיט אלץ, וואָס רײַף געווען אין דײַן באגריף איז;
די לײַז האָסטו פארגיפטעוועט מיט פעסט,
די שטשורעס אָנגעשטעקט מיט טיפוס,
און האָסט זיי גרײט געמאכט און פעסט, —
אז אָנגרײַפן מיט זיי אין קאָן
זאָלסט קאָנען ווי געהעריק!

נו, וואָס? ס'האָט יעדער זיך באוואָפנט, ווי ער קאָן,
ס'האָט ווער — מיט לײַז, און ווער — מיט שטערן!

ער ווייסט עס, דער דרעסירער, פון לאנגאָנען,
אז אין דײַן מויעך ווירבלט זיך די רייבלוטיקע לויז,
וואָס דארף דיך זײַן די שטיצע און דער אָנלען,
אז אופטרעטן זאָלסט קאָנען אין דײַן גאנצער גרויס, —
איז דו דערציייל אים, קאניבאל,
ווי דו באפרײַט האָסט פון דער שווערער לאסט זיך,
ווי ס'האָט אין דיר דער אוראלט אופגעלויכטן באלד,
ווען האָסט דײַן גאנצע פינצטערניש צעכראסטעט
און אָפגעלאָזט זיך בושעווען, ווי א טײַפון,
פאר שארבנס און פאר שווערד צעבראָכענע אין שלאכטן,
און ניט געוווּסט אליין נאָך וואָס צו טון
מיט די געבליטן מיט די כוישעכדיק־צעשפארטע;
און פײַערלעך האָסטו צוערשט באפעלט
צו דײַנע דינער די געטרײַסטע,
ס'זאָל בא דעם אָפגלאנצ פון דײַן ברוינער פעל
א הוליע טאָן דאָס פײַער אפן דײַכסטאג!
דערנאָכדעם — אלץ, וואָס ברענען האָט געקאָנט,

און יעדערער — וואָס איז א קאָפּ באזעסן,
און פרײַ און פריילעכ האָט איר זיכ געטאָן, —
דײַנ מאלכעסדיקע האק און דײַנ יערושעדיקער מעסער, —
און אומברענגענ האָסטו געלאָזט זיכ שטעט,
און אומברענגענ געלאָזט האָסטו זיכ לענדער,
זיכ צוגעײַלט, אז ס'זאָל ניט זײַנ צו שפעט,
אז זאָלסט באצײַטנס האָבנ אלצ פארענדיקט!

אצינד, דורכ שווינדלדיקנ ראש פונ מאָרד און פונ צעשטערונג,
באזויפנ שפאנסטו, קאניבאל, פונ קריג צו קריג.
די צײַט אנטלויפט פונ דיר דורכ וועגווײַזער פונ שטערנ
און שטויסט דיכ אָפּ צוריק;
— איז גיי
דײַנ לעצטנ וועג דורכ כורבנדיקע הויפּטשטעט
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש מיט רויב באשטאָפּט;
— איז גיי
און טוליע, טוליע צו דײַנ בלוט-פארפלעקטער האק זיכ,
באזעצ זיכ ווידער אינ א הייל,
מיט דערנער ווער באוואקסנ
און גיב דער פינצטערניש זיכ אָפּ —
עס וואַרפט די צײַט פונ דער געשיכטע דיכ אראָפּ!

צו אונדזער ראנד ט'זיכ צוגערירט דײַנ עקלהאפטער שאָטנ,
פארשמעקט האָט אימ דאָס גאָלד פונ אונדזער בלײַענדיקנ ווייצ;
דאָ איז דײַנ גרוב אפ יעדנ שפאנ, וואָס האָסט באטראָטנ,
דאָ איז די שווערד — דײַנ קײַווערדיקער לעצטער קרייצ!

# שווארצע שײַטערס

פארווײַל, פארווײַל דאָס פאָלק,
געקרוינטער לעצ,
מיט סרייפע שיקערער, מיט שײַטערהויפנס שווארצע!
פארמער די צאָל,
ווארפ אונטער נאָכ —
דאָס איינציקע, דאָס לעצטע!
און זאָל כאָטש סרייפע לײַכטנ דאָרט,
ווּ גאָרניט לײַכט זיכ!

פארווײַלט דאָס פאָלק, פארווײַלט דאָס מיט געדעמפ,
פארווײַלט עס מיט פארניכט
און מיט פארלענד,
און פרייט זיכ טעמפ
מיט שײַטערס אופגעהויבענע, ווי קופּלס ביר
ווי בליציקע,
און רופט צונויפ אהער דעם פארלאמענט
אפ אײַער צווייטער פײַערלעכער זיצונג.

דאָס וואָרט געהערט דעם צוואנציקסטנ יאָרהונדערט.
אפ שײַטער פינצטערנ געבונדנ
און צעלייגט,
ס׳גייט ווידעראמאָל אָפּגעבנ זײַנ לײַב דזשאָרדאנאָ ברונאָ,

ס׳גייט ווידעראמאָל אָפּגעבן דאָס לײַב זײַנס גאליליי
אין טרויער און אין רום פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט!

נאָר דורך דעם פלאַם און רויך
מיט יעדן אָס געצונדענעם אָפּ שײַטער
גייט אוף דער אורטייל אין דער הויך,
ווי רעגנבויגן שווערדיקער, געשלײַפטער.
— איז שלײַדערט און צעשלײַדערט זיי, די שריפטן,
איז שלײַדערט זיי, די בענדער, אַפּן פלאַם!
א יעדער פונק זיך שטערנט בלענדיק אין די טיפן,
ווי א פארשווערונג — א נעוויע פארן לאַנד!
פארווײַלט דאָס פאָלק! פארווײַלט עס דאָרט מיט פײַער און מיט מאָרדן,
פראַטשעט אויס אין בלוט „פארומווירדיקטע" ראַסן!
טוט אָן די האַק אַפּ אײַער גײַסט, גלײַך ווי אַן אָרדען,
און שלעפּט די דענקער און די קונסט איבער די גאַסן.
און אויב ס׳איז ווייניק פאַר דער פײַערונג — איז נעמט,
איז נעמט די וויסנשאַפט אַפּ פאַקל-שטאַנג פארהייבט דאָרט!
קיין אייגנס האָט איר דאָך ניט מערער, ווי א ברוינע העמד,
און זי איז אויך אַן אָפּגערויבטע!

נאָר ניט פארגעס,
געקרוינטער לעץ,
אַז אַפּ די שײַטערס ברענט פּאַפּיר,
אַז אַפּ די שײַטערס ברענט געזעץ,
פארפײַניקט לײַב, געשמידט אין צוואַנג!
נאָר פארגעדענק עס פעסט,
אַז אַפּ די שײַטערס ווערט געשטאָלט
און טויט-געפערלעך דער געדאַנק!

איר וועט אים עפּשער אָפּציִען, דעם אורטייל, אַפּ א ווײַל,
וואָס הענגט שוין איבער אײַך, ווי אויפגעפּאָכטער מעסער;

וועסט עפשער, לעצ, פארוואנדלענ דייַנ לעווייַע
בלויז אפ א ווייַל אינ קרייצצוגדיקער מעסע,
איז פריי זיכ טעמפ
מיט שייַטערס אופגעהויבענע, ווי קופלס ביר,
אונ מיט געדעמפ,
אונ מיט פארניכט!

ווער זאָגט, אז מענטשלעכער געדאנק אינ פייַער ברענט?
עס ברענט אפ דיר די לעצטע ברוינע פעל,
אונ לעכערלעכ איצט ביסטו מער נאָכ
פונ די בוהייַענ וואנזיניק־ארויסגעריסענע פונ פענט,
וואָס לויפנ אומ אונ פרווונ זיכ די וועלט
צו נעמענ אפ די הערנער!

פארווייַלט דאָס פאָלק! אונ שלאָגערס פייַערלעכע ברויעט
אונ לאָזט עס ניט באדענקענ פונעמ שווארצנ פלעט זיכ!
ס׳וועט באלד א בריל געבנ א דונערדיקנ: „ברויט!"
אונ אופרעסנ ס׳וועט אייַכ איניינעמ מיט די פלעצער!

אונ איצטער לייענט אייַער אורטייל
ניט אפ פאפיר, נאָר אפ צעפראלטע פארמעטנ פונ צייַט,
אפ פענעמער באלויכטענע — איצט לייַ׳נט אדורכ אימ,
אונ — ויסנ זייַט:
פונ אונטער דר׳ערד, ווי וואלד ווי ריזיקער, וועט אופגייַנ
א יעדער אש־שטויב,
וואָס איר האָט מיטנ פלאמ פארזייעט אינ די לופטנ
אונ דוירעס מיטלעלטערלעכע איבעראשט דאָרט —
אינ דער וויַט.

אונ — וויסנ זייַט:
אפ פלייצעס בראָנדזענע געטריַי

איז אויסגעקריצט א יעדער אָס
פון אײַער אורטייל,
ווי אויסגעקריצט עס זײַנען שטערן אפן הימל,
און יעדער בראָך און יעדער שאָס
א הימען איז, א הימען
פאר געבורטן.

און וויסן זײַט:
אונטער דעם אש פון שײַטערדיקע פלעצער
בליט אוף די היים פאר אומרויִקע גײַסטער,
וואָס וואָגלען אום, ווי שיפן בלאָנדזשענדע, פארפאָלגטע פון פּיראטן.
— ווילקאָמען, ברידער, אײַך — פונדאנען איבער גרענעצן!

זאָל יעדער בארג אײַך זײַן פאר א באגריסונג,
און יעדער טרויב זאָל זײַן א מעכטיקער וויוואט אײַך,
עס בליִען שטערנדיקע האפנס פון די ראטן,
און יונגער ווערט די ערד פון סאָציִאליזם!

# קיִיווער־ווערעמ

און איצט פון פאָנגען אײַערע נייט אופּ זיך זעק,
די פּאזוכעס מיט העק מיט מערדערשע באוואָרנט,
מיט בלוט און רויב ז׳געצייכנט אײַער וועג.
מארשירט ארויס אצינדער אף די קוואָרים

און ווי די ווערעמ זויגט זיך אײַנ
אינעמ געביינ פונ רומפּולע געוואגטע זיגער;
און לאָזנ ראָבנ זײַנ אײַערע פּרײַנט,
מיט זיי צעטיילט אף גלײַך אײַערע זיגנ!

דאָס ערנ-פעלד פונ ראנגלעניש און שלאכט
איז ניט פאר קיינ באגרעבער-לײַט און מערדער;
עסווארט אף אײַך די פינצטערניש, די נאכט,
וואָס דארפט איר נאָך — וואָס דארפט איר מער דענ?

אינ אש פונ כורוועס און פונ ביינער-בארג
דעמ ציילעמ און די האק זאָל מענ פונ ווײַט דערקענענ;
עס זײַנענ אײַך קיינ אינדזולענ ניט באשערט
פונ הייליקער העלענע!

אף צווינטערס טראָגט די שאנד. פארכאפּט און ציילט
און איינס דעמ אנדערנ דערווארגט בא דעמ באפאלנס;
מיט אײַער טויטנ לײַב זיך מיִעסנ וועלנ צײַנ
פונ סאמע הונגעריקסטע הינט, היִענעס און שאקאלנ!

## זייַן מוט איז העכער פון די שטערן!

ס׳וועט מער ווי ביזן צענטן דאָר
זיך רייַסן מיטן לעצטן אָטעם, —
אז ס׳זאָל די זון ניט לויכטן דאָרט,
ווו איר וועט ווען-עס-איז א טראָט טון!

פון אָפפאל — פעטקייַט ווערט געבראכט,
פון מיסט — באגיטיקט זיך דער באָדן;
דער ערד צעעפענען איר טראכט
פאר אייַער לייַב זאָל זייַן פארבאָטן!

אפ בערגלעך אש — דער אומגליק וואכט,
און שטערן אין דער הייך — צעשאָטן;
ניט אָפשטיין זאָל פון אייַך די נאכט,
ניט פאלן זאָל פון אייַך קיין שאָטן!

פאר מאָרד פון קינדער — גרויס און קליין,
פאר מאָרד פון מאמעס און פון זקיינים
זאָל רינשטאָק זייַן די לעצטע היים
און אייַער גייַסט זאָל ער באקרוינען!

צום בארג זיך רייַסט א יעדער טאָל,
און לידער ליכטיקע זיך הערן;
— עס לעבט דאָס לאנד, עס לעבט דאָס פאָלק,
זייַן מוט איז העכער פון די שטערן!

## די שוווּע פון דער שווערד

פון די אַקסל צעפּאָכען זיך פליגל,
אין דעם טראָט — דײַן אורטייל זיך הערט:
— נאָך ווי קיינמאָל וועט גרויס זײַן דאָס זיגן,
ווײַל ווי קיינמאָל איז שאַרף אונדזער שווערד.

טרינק זיך, שפּאַרבער, אין בלוט א פאַרדרייטער,
ניט קיין וועג האָסט פאָרויס, ניט — צוריק;
ס׳האָבן בערג שוין די רייען געצווייט דאָ
אין דעם פאָטערלאַנדס הייליקן קריג!

אף דײַן אומקום הענער שוין קרייען,
ס׳גיט א שוווּע — א שווערד צו א שווערד;
— ווער ס׳איז שטורעם אַרויסגאַנג פאַרזייען,
דער פאַרשניטן וועט ווערן פון דר׳ערד!

ס׳גייען פעלדזן מיט בליצן געפּאַסיקט,
ס׳רופט זיך איבער א יאַם מיט א יאַם:
— אויב די שלאַנג בעט א דאָרשטיקע וואַסער,
איז באַטרינק זי מיט פײַער און פלאַם!

מיט דעם גרויזאַמען אופרײַס פון לאַווע,
מיט דעם בליציקן בלאַנק פון שטאָל —

אפֿן רוף פֿון פֿארפֿײַניקטע סלאוון,
וואָס צום הימל דערגרייכט זייער קאָל!

ס׳זאָל מיט שטויב דײַנע האָרדעס צעזייען,
און דײַן נאָמען — א קלאָלע זײַן זאָל!
פֿאר די אָפּשטאמען פֿון אָדיסייען,
פֿאר דעם בראָך פֿונעם פּוילישן פֿאָלק.

אפֿ די אקסלען צעפּאָכען זיך פֿליגל,
אין דעם טראָט — דײַן אורטייל זיך הערט:
פֿאר די קוואָרים פֿון שפּאנישע קריגער,
פֿאר געשענדטע ייִדן אפֿ דר׳ערד!

ביזן חאלדז אין בלוט אײַנגעדריכטער
טרינק זיך, שפּארבער, מיט שאנד און מיט סאם, —
ס׳גייען אוף איצט אין רום דײַנע ריכטער
אין דער לופֿט, אפֿ דער ערד, אפֿן יאם!

אז צעשמעטערט זאָלסט ווערן אינדרײַען,
און צעטראָטן, פֿארניכטעט און וויסט, —
פֿאר באטרעטן דאָס היימלאנד דאָס פֿרײַע
מיט די בלוטיקע, בלאָטיקע פֿיס.

אוי, צעפּלאטערט איר, פֿאָנען, זיך העלער,
גאָר דעם הימל שפּרייט אויס מיט באגין;
אפֿ דעם קריג פֿון די פֿרידלעכע שוועלן
אלטע מאמעס באגלייטן די זין!

מיט א בראָכע, א ליד מיט א ניגן,
מיט א טיפֿ פֿארבאהאלטענער טרער;

— נאָכ ווי קיינמאָל זאָל גרויס זייַנ דאָס זיגנ,
אונ ווי קיינמאָל זאָל שארפ זייַנ די שווערד!

אפ רויִנענ — פארגוואלדיקטע ברידער
אונ געקרייצט אפ דער אייגענער שוועל;
מיט געזאנג מירנ אופהייבנ ווידער
דעם פארבראָכענעם קאָפּ פונ דער וועלט!

## יעדער טאַנק וועט אַ קייווער זײַ ווערן!

ס׳געבלעטער פֿון וואַלד איז, ווי כאַקי,
קאָלאָנעס פֿון קריגער — ווי וואַלד;
קיין שטורעם ניט דורך וועט מיט פֿלאַקער,
ניט דורכרײַסן וועט זיך קיין זאַלפּ!

זיי ניט דורכלאָזן — וועגן זיך שווערן,
ניט אַרײַן, ניט אַרויס אָפּ צוריק;
יעדער טאַנק וועט אַ קייווער זײַ ווערן,
און אַ קרייץ — די צעבראָכענע ביקס.

ס׳צעבליט זיך אויף פֿעלדער דער האָבער,
אויף ווײַטן הירזשען די פֿערד, —
יעדער טראָט וועט אַ גרוב זײַ צעגראָבן
בײַ דעם ראַנד פֿונעם פּאָטערלאַנדס ערד.

דער שאָרך פֿונעם ווינט איז אַן אָנזאָג,
די טריט פֿון די קריגער באַשליסט —
ס׳וועט קיין איינציקע קויל ניט פֿאַרבלאָנדזשען,
וואָס געצילט איז אין האַרץ פֿון פֿאַשיסט.

אין פֿעלד גיסן אָן זיך די זאַנגען,
ס׳באַטרינקט זײַ פּרימאָרגיקער טוי, —

ס'וועט די האנט זיי פון פײַנט ניט דערלאַנגען,
דער צוריק צו זיי — איז טויט!

דער טײַכן-געררויש, ווי א האָרן,
און דער שטראָם פון די קריגער באַשווערט:
קיין פיס וועט ניט טרעטן דאָס קאָרן
פונעם פאָטערלאַנדס הייליקער ערד.

ס'בלאַנקט די שווערד פארן לאַנד מיט שטראַלן,
און געפּאַנצערט — דעם פאָטערלאַנדס ערד,
ווײַל דער ערשטער אַרמייער איז סטאַלין,
ווײַל אין שלאַכטן דער ערשטער — איז ער!

זײַן געווער — איז די זון און די פרײַהײַט,
און זײַן פאָן — איז דאָס גליק פונעם פאָלק;
זײַן ליד איז די שווּע פון טרײַהײַט,
זײַן טראָט איז אין שלאַכט בעשטאָלט.

דאָס פינקלען פון שטערן איז זויבער,
און ווי שטערן ז'פון קריגער דער גאַנג, —
ס'וועט אין פײַער דער פײַנט זיך צעשטויבן,
און אין אַש אָפּ אים וואַרט דער פאַרגאַנג.

ס'קוקן פעלקער פאַרטײַעט מיט בענטשונג
אָפּ דער פרײַער סאָוועטישער שווערד, —
ווײַל אין איר איז דער גוידל פון מענטשהײַט,
ווײַל אין איר איז דער גוידל פון וועלט.

## דעמ קאניבאלס טראָפייענ

קאשטאנענ היטנ אָפ די רו פונעמ שפיטאָל,
אונ ס׳מורמלענ שטיל דורכ בלעטער זיכ די ווינטנ:
דער קאניבאל האָט אָנגעשמעקט מיט פײַער אונ מיט שטאָל
איבער דער אלטער הויפטשטאָט — שלאָפנדיקע קינדער.

ער וועט א שלאכט איצט געבנ גרויזאמ אונ באטראכט,
פונ איבער הויכע וואָלקנס זײַנ געווער וועט ער באווײַזנ;
ס׳איז צו דער האנט אימ, ווי א גאנעוו, בעסער דער באנאכט
א קריכ טאָנ איבער שטילע שלאָפנדיקע הײַזער...

נאָר וואכ איז יעדער שטיינ, אונ וואכ איז יעדער שטויב,
די שטאָט האלט גרייט אירע צעשפרייטע פליגל;
אינ שטאָלצער שטילקײַט גיט זי זיכ א הויב,
זי לאָזט פונ קיינעמ אפ קיינ רעגע זיכ פארוויגנ.

מיט לאנגע פענדזלענ, פונקט ווי אפ א הימלשנ געמעל,
לאָזט זיכ די שטאָט אינ אזא שטיל געיעג אימ נאָכגיינ;
אונ ס׳גיבנ זײַלנ ליכט אימ א פריטשמעל,
אונ עס פארכלינעט זיכ פונ ליכטיקײַט זײַנ שווארצער גאָרגל.

ער האָט זיכ פריי׳ר געוואָרפנ אינ דער נעצ פונ די פראָזשעקטאָרס,
זיי האָבנ אימ דעמ האלדז פארצויגנ שטײַפ אונ פעסט;

א שיקערער געשלײַכט האָט ער פֿונ עק צו עק דאָרט
און אויסגעבראָכנ מיט דער גאל זײַנ ברענענדיקע פֿעסט.

פֿונ פֿײַער און פֿונ בלײַ — איבערנ גאָרגל זאט
ליגט ער פֿארקרימט. דער שווארצער קרייצ אפֿ אימ זיכ באָמבלט;
נאָר פֿארנ טויט האָט ער, דער שיקערער פּיראט,
איבער א קינדערשנ שפּיטאָל ארפּגעלאָזט א באָמבע.

עס ליגט אינ מאָרג א קערפּער פֿונ א קינד,
צוקאָפּנס וואכט דער צאָרנ פֿונ זײַנ היימלאנד;
די שטאָט איז רויִק. אינ דער הייכ באגינט.
דער קאניבאל אינ אש די מאָרדע גראָבט פֿונ איימע...

ס'איז ווידער טאָג. געענדיקט דער באפֿאל.
א שמייכל אפֿנ קינד אינ מאָרג — פֿונ אומדערווארטונג;
פֿארשרײַב עס אינ דײַנ גרויסנ רומ-בוכ, קאניבאל,
און טראָג עס צו דײַנ אומגליקלעכנ פֿאָלק דעמ אָפּגענארטנ.

דערלאנג עס אָנשטאָט ברויט און פֿרײַהײַט — גיי!
און בעטל אויס, דײַנ אורטייל זאָל עס דיר פֿארלענגענ;
קיינ רומ קיינ העכערנ, קיינ גרעסערנ טראָפֿיי
וועסטו דעמ אָפּגענארטנ פֿאָלק ניט ברענגענ!

נו, גיי און לײַג, און איבערראש מיט דײַנ דערפֿאָלג,
צעטייל דעמ זיג, פֿיר אונטער דעמ סאכאקל —
ס'וועט עפּשער קלעקנ האס און צאָרנ בא דעמ פֿאָלק,
עס זאָל דעמ קאָפּ בא דיר ארונטערהאקנ!

## די „אומבאזיגבארע"

פארשמידט אין פאנצערס גרויזאמע פון שטאָל
אונטער דער דעק פון טאנקן, ווי דרײַגאָרנדיקע מויערס,
זײַנען זיי שטארק און אומבאזיגבאר אלעמאָל
אין בליץ-קריג קעגן קינדער שוצלאָזע און פרויען...

דאָ ווייסט ניט זייער מוט קיין גרענעץ און קיין ברעג,
דאָ ווייסט ניט דאָס געווער דאָס הענקערשע קיין אָפּהאלט;
און בלויז אפּ אָט דעם רומלאָזן און טרויעריקן וועג
האָט זייער העלדישקײַט געמערט זיך און געטאָפּלט!

נאָר אין די אָנגרײַפן די מערדערשע — פּאָרויס,
אנטקעגן פײַער רויטארמייִשן פארדינטן,
איז שטעלן זיי פאר זיך די ראנדן אויס
מיט פרויען מיט געפאנגענע, מיט אומשולדיקע קינדער!

און אונטער שרעק פון טויט און אונטער שרעק פון מאָרד,
מיט שווערדן דראָענדיק די אומבאשיצטע, —
באצווינגען זיי די אומשולדיקע גיין אפּ זייער אָרט,
ס'וועט עפשער דאָ די קריג בא זיי א „בליץ" טאָן?!

ס'וועט עפשער מײַדן זייער ברוינע פעל אזויארום
די קויל די גרויזאמע פון רויטארמייער;

צעפּויקט, צעדונערט אײַער טרויעריקן רום
פון קינדער דר׳הארגעטע — א מייע נאָך א מייע!

באצווונגענע, געטריבענע אין קלעם,
די בליקן צו דער ווײַט אין טרויער מיט פארטרויונג;
נאָר ס׳וואַרפן רויטארמייער זיך און — א צענעם —
און אף די הענט זיי טראָגן אָפּ די קינדער און די פרויען.

און מיט די „אומבאזיגטע״ — אויג אף אויג!
און שווערד אנטקעגן שווערד, קאָלאָנע אף קאָלאָנע!
און ס׳גיט דאָס פאנצער-שטאָל זיך בליצשנעל א צעבויג
איניינעם מיט די קעפּ און מיט די קאסקעס פון טעווטאָנער!

דערוואַרט ניט אף גענאָד, טעווטאָנער הינט,
פאַכדאָניש אונטער מוטער־קלייד פארשטעלטע האָרדע;
די רויטע שווערד באשיצן וועט א יעדער פרוי און קינד
און דורכשטעכן א יעדערן פון אײַך די גאָרגלען!

שוין וואַרט דער וועג דער רומלאָזער — צוריק,
דורך טרויבן טאָרטשענדע און אויסגעהוילטע פענצטער;
ניט קיין געשלעג, נאָר מאָרד, ניט קיין ניצאָכן, נאָר באטריג
גייט נאָך נאָך זייער טראָט, ווי פינצטערע געשפענסטער.

דאָס מויל זיך, קאניבאל, דאָס בלוטיקע פארשטאָפּ,
און זאָל דײַן טעמפּער מויעך פארגעדענקען,
אז ס׳האלטן קינדער, פרויען אויכעט אָפּ
דעם „אומבאזיגטן״ דראנג פון די טעווטאָנער הענקער!

# אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי

1

פון יאמען אפ דאָרעם ביז צאָפנשן שניי
געגאַן איז אפ וואנדער די רויטע ארמיי!

היץ ניט קיין היץ, און פראָסט ניט קיין פראָסט,
קינדער און זקיינים די היימען פארלאָזט.

ווינט איז א כאווער, א פריינט און א גאסט,
ברויט ניט קיין ברויט, נאָר געגערט זיך מיט האס.

און ס׳האָבן גיבוירים געטאָן זיך א לאָז, —
פיס ניט באשוכט, און פאפאכעס פון גראָז,

גווירע געגארטלט אפ רוק און אפ לענד,
און א געוויכער: — באטריגער פארלענד!

און מ׳האָט זיי געגעבן א יאָג און א ראם
פון וולאדיוואָסטאָק ביז דעם באלטישן יאם.

לענטעס מיט קילן, און קילן מיט שריפט:
— גראָבט זיך אייך, סאָנים, א קייווערל טיף!

און וועגן, פארוואָרפן ווי נעצן, אפ זיי —
אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי!

2

געשלײַפט, ווי א בליץ, איז די שארף פונ דער שווערד,
עס שטראלט פונ איר פרידנ אונ רו אפ דער ערד!

געוואגטקײַט אינ טראָט, אונ די ביקס אינ דער האנט —
עס שטייט איבער בערג רויטארמייער באם ראנד.

פארשטאָכנ אינ ווײַט איז דאָס אויג, ווי געווער,
אונ וואכ איז דאָס הארצ, אונ פארשארפט דאָס געהער.

עס קלינגענ ווי וווּנדער־געזאנגענ נאָכ אָפ
פונ פערד פונ בודיאָניס דער הייסער גאלאָפ,

דער בליציקער מארש, ווי מיט פליגל-געפעכ —
שטאָט-אײַנ אונ שטאָט-אויס — איבער טײַכנ אונ בערג.

די פאָנ — אינ דער הייכ, אונ אינ כמארעס — די קעפ,
מיט ווינטנ באנאנד איבער הילכיקנ סטעפ.

אונ ווײַטנ דערמאָנענ מיט שטילנ פארטרוי
אינײנעם מיט זוניקנ וועלדער-גערויש,

דערציילנ די שפיצנ פונ בערג — וויאזוי
געשלאָגנ דעם פײַנט האָט די רויטע ארמיי!

3

עס טראָגט זיכ טשאפײַעוו נאָכ אום אפ זײַנ פערד,
די אויגנ — פאָרויס, אונ די הענט — אינ געפעכט.

וועלדער אונ פײַער זיכ לאָזנ נאָכ אים,
ס'ענטפערנ בערג פונ דער ווײַט אפ זײַנ שטים.

שרעק איז צום סוינע פון ווײַט און פון נאָ'נט,
א יעטווידן טײַך אינעם לאנד ז'ער באקאנט.

ער שטייט באם הארמאט — אָנגעלאָדן און גרייט —
אוןווארט אף קאָמאנדע אוןווארט אף זײַן ריי.

עס האָט אים קיין קויל און עס האָט אים קיין שווערד
אין שלאכט ניט ארונטערגעוואָרפן פון פערד.

עס הערט זיך זײַן טראָט, און זײַן גווורע שוין פליסט —
אין יעדן ארמייער, פילאָט און טאנקיסט.

מיט גרענעצלער ליגט ער אינײנעם פארטײַ'ט,
די ראנדן ער היט פון נאָנט און פון ווײַט!

און מיט א ליד אין דער שטילקײַט פון שניי
טראָגט, ווי א שווערד, אים די רויטע ארמיי!

## 4

אין רום און אין ווונדער — א ריי נאָך א ריי —
אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי,

דעם סוינע א הייב טאָן אין דר'הייך אף דער שווערד,
געשאלט האָט די ווײַט פון געזאנג און געפערכט.

עס האָבן זיך מאכנעס באשווירן מיט בראנד,
פון גרענעץ ביז גרענעץ, פון ראנד ביז צו ראנד.

יאמען — פאנאנדערוויגט, כמארעס — אדורך
מיט א געפאָך פון באפליגלטן שטורם.

און רויטע מאטראָסן — דער פלאָט איז באשטאט, —
קלים וואָראָשילאָוו אפ איַיז פון קראָנשטאדט!

— פריַי וועסטו, לאנד, זיַין, ליַיבלעכער סטעפ!
ס'איז דער קאיאָר, ווי א פאָן איבער קעפ!

צאָרן אין פיַין און אין הערצער געשליַיפט —
הייסער פון פיַיער און שווערער פון בליַי.

און אפ דער שווערד מיט צעשטויב און פארוויי
דעם פיַינט האָט גענומען די רויטע ארמיי!

5

אפ אלע פיר זיַיטן — צעקלאפ און צעזיי! —
דאָס איז דער געבאָט פון דער רויטער ארמיי.

נאָר ס'איז נאָך קיין צײַט זיך באקרויגען מיט רו,
עס קריכט, ווי א שלאנג, נאָך דער סוינע ארום. —

געוואג לעגענדארער פון שלאכט אפן רעיד
צו יעדער באפעל פונעם פירער איז גרייט!

דעם היימלאנד אפ שטאָלץ און דעם סוינע אפ וויי —
אין פליגל זיך אָנגעטאָן האָט די ארמיי!

און אויב אפ דער ערד ער די שווערד האָט פארפרווּוט,
פארזוכן אצינד וועט ער זי אין דער לופט!

ס'צעוואקסט אין דער הייך, אין דער ברייט זיך דער שטאם,
און שיפן געפאנצערט מיט מוט אפן יאם!

מיט מעכטיקער קראַפט און געפּאַנצערטן טראָט
די יאַמען אַ הייב טאָן וועט גרייט זײַן דער פּלאָט.

און ווי וועט צו סאָנים זײַן אַלערלײ
זיך טרעפן פונסנײַ מיט דער רויטער אַרמײ!

## 6

און ס'האָט זיך דעם סוינע פאַרפרווּונג געוואָלט
די גרויזאַמע שווערד פון סאָוועטישן פאָלק!

איר גרויזאַמע שאַרף, איר פאַרניכטנדן טאַם
אַריבער די וואָלקנס, אויף דר'ערד, אויפן יאַם,

און מאַכנעס באַפליגלטע זײַנ פונעם לאַנד—
צום ראַנד מיט די רויטע כאַיאָלעס באַנאַנד;

די פּיקעס — געשלײַפט, און די טאַנקען — שוואַליאָם,
און סטאַלינ — פּאָרויס — דער געטרײַער נאַרקאָם!

געווויע געגאַרטלט אויף רוק און אויף לענד,
און אַ געוויכער: — באַטריגער פאַרלענד!

די שלאַנגיקע סוואַסטיק, וואָס קריכט מיטן קרייץ,
דערוואַרג זי מיט בלײַ און מיט פײַער פאַרפּלייץ!

לענטעס מיט קוילן, די קוילן — צעפּראַל!
איז גראָב זיך אַ קייווער דיר אויס, קאַניבאַל!

און וואַרג זיך מיט פײַער אין לעצטן געשריי, —
אין שלאַכטן איז גרויזאַם די רויטע אַרמײ!

# רויטארמייער

מיט זאפטן ווערט דער עפּלבוים שוין זאט,
און פרוכטן הילן זיך אין גרינגעוועבטן שלייער;
נאָר יעדער צווייַג און יעדער בלאט
באגערט דייַן ביקס פֿארשטעלן, רויטארמייער!

זיך דורכוועבן מיט דייַן פארשייַטער קויל,
מיט וועלכער דו באוואכסט דייַן לאנד, דייַן קינד, דייַן מאמע;
אז ס׳זאָל מיט פייַער שטילן זיך דאָס אומווירדיקע מויל,
וואָס, בעטנדיק א טרונק, האָט עס דייַן קוואל געוואָלט פארסאמען!

צום וווּקס פון מענטש דערשטייַגט דאָס ווייץ,
און זאנגען וויגן זיך אפ ווינטעלעך אפ שטילע;
נאָר יעדער גרעזל רייַסט זיך מיט פארפלייץ,
פונקט ווי מיט קרענץ, ס׳געווער דאָס גרויַזאמע פארהילן!

אז פייַער-מאבל זאָל באגעגענען דעם פייַנט
אפ וועגן גאָלדענע מיט ברויט געבעטע,
וואָס ער, באזויפט מיט בלוט, האָט הייַנט
זיך אָפּגעלאָזט פארוויסטן און צעטרעטן!

איז גיי און טרעפ, שאקאל, פארדעקט מיט נאכט, —
פארשמעקט עס האָט דיר פלייש, נאָר בלייַ וועט זייַן צו זעט דיר!

א זעונג מיט דײַן טויט דיך הײַנט דערוואַרט
בא יעדן בוים און קוסט, ווו ס׳גרינען שטיל די בלעטער.

פאַרמעסט ניט שווערד זיך מיט דער שאַרף פונעם שוואַרצאַפּל,
ער שנײַדט אַדורך דאָס פעלד פון פלאַמיקע זאַווייען;
און יעדער ווינט אַף וועגן וויקלט זיך און דראַפּעט
פאַרשלייערן דײַן ביקס, געטרײַער רויטאַרמייער!

געטרײַער זון פון פאָלק! באַוווּנדערער פון צײַט,
עס זיצט זיך ניט דײַן קינד, דײַן פאָטער אין דער היים הײַנט —
אַדורכגעבערענט די שטרעקעס אין דער ווײַט —
זײַנען זיי ביידע נעבן דיר, צוקאָפּנס בא דעם היימלאַנד!

שילוכים קומען פון די גערטענער צו לויפן
מיט קרענצ מיט גאָלדענע פון אויסגערײַפטע פרוכט;
— נעם, היימלאַנד טײַערע, פון פולע הויפנס,
— נעם, היימלאַנד טײַערע, — די לענדן זיך באַגורט!

און שיק זיי אָפּ אונדזערע שטאָלצע קריגער —
דאָס בעסטע פונעם פאָטערלענדלעכן פאַרזיי;
פאַר זיי, פאַר זיי האָט די גערעטעניש געשטיגן,
און ניט געקאַרגט די ערד האָט גאָרניט ניט פאַר זיי!

עס האָבן עפּשער אָדלערלעך זיך אומגעקערט פון שלאַכט,
פאַרוווּנדעטע און מידע פון געפעכטן,
איינעם מיט די שטערן מיט די ליכטיקע באַנאַכט,
מיט זיגן דורכגעהילכטע אַף די שווערדן...

עס האָבן עפּשער אָדלערלעך אַדורכגעשײַנט
אין הימל-הייך, ווי פליִענדיקע שניטער;

אליינ די וואָלקנס האָבנ זיי פארשטעלט פונ פײַנט,
ווי מיט א שאל פארדעקט דאָס קינד א מאמע אינ געוויטער!

מיט צאָרנ הייליקנ, מיט ליבשאפט אופגעפלאטערט,
קאָנ איצט קיינ בוימ ניט בלײַבנ רוּיק אינ דער ערד;
ווײַל אומעטום — אינ פעלד, אינ שטאָט בא די ווארשטאטנ
דער שלאכטיקער „הורא״ פונ שלאכטפעלדער זיכ הערט!

איז גיי אונ טרעפ, שאקאל, באדעקט מיט נאכט,
פארשמעקט עס האָט דיר ברויט, נאָר בלײַ וועט זײַנ צו זעט דיר;
א זעונג מיט דײַנ טויט דיכ הײַנט דערוואַרט
בא יעדנ בוימ אונ קוסט, ווו ס׳גרינענ שטיל די בלעטער!

# דעם קאָמיוג

ווי ס'שיידט זיך ניט קיין מילגרוים מיטן זאפט
און פרידנדיקע שווערדן — מיט די שיידן, —
אזוי וועט זיך דײַן עמעס און דײַן קראפט
אין ערגעץ ניט און קיינמאָל ניט צעשיידן.

און גרייט זײַן, ווי דאָס וואפן אף דעם קריג,
צו אופבליץ, ווען ס'וועט רופן די געפאר דיך:
דיר צוגעמישפעט זײַנען זיי — אין זיג,
ווי ס'בליִענדיקע פאָטערלאנד — אין שלאכטן!

געגאנגען זײַנען טאטעס ווי א שניט,
און מאמעס זײַנען אויסגעגאן אין ווארטן;
נ'אז ס'האָבן זיך פון ערגעץ ניט קיין טריט
באוויזן אין די גרויזאמע באנאכטן, —

איז לעבין דאן געקומען צו דײַן וויג,
מיט ווינטן דיך געוויקלט און באוואכט דאָרט;
געטריפט צו דיר האָט קלוגשאפט פון זיין בליק,
געקלאפט פאר דיר זײַן הארץ האָט ווי א שלאכט-ליד,

אז זײַן זאָלסטו — דאָס ערשטע דאָס געבראכטס
פון אָפגעשטורעמט-שטערנדיקן האָגל;

אריַינגעבלוטיקט האָט ער דיר זײַנ הארצ,
אז זאָלסט עס אינ דער אייביקײַט דערטראָגנ.

ס'זאָל אינ ערגעצ דיכ ניט אָפּשטעלנ קיינ נאכט,
אונ ס'זאָל פונ בלענדעניש דײַנ אויג זיכ ניט פארבלײַענ;
אויב שלאכט וועט דיכ באגעגענענ, — איז שלאכט!
אויב פײַער וועס דיכ אופרופנ, — איז פײַער!

דורכ אופגעוויגטנ פײַערדיקנ וועג,
דורכ שראמענ אונ דורכ שטערנדיקע שפורנ, —
האָט סטאלינ דיכ געלערנט — אינ געשלעג
געווינענ אונ פארטרויענ זיכ דעמ שטורעמ.

די ביקס האָט אפּ זײַנ אקסל ניט גערוט,
צוקאָפּנס האָט א שטערנ אימ געפלאטערט;
אריַינגעאָטעמט האָט ער דיר זײַנ מוט,
אז וואקסנ זאָלסט צו רומ פונ דײַנע טאטעס.

געוואגטקײַט זאָל דיכ זעטיקנ, ווי ברויט,
אונ ליבשאפט, אונ דײַנ דאָרשטיקײַט צו שטרעבנ
פארניכטנדיקער זײַנ זאָל פונעמ טויט
אונ פריידיקער אונ שטארקער פונעמ לעבנ!

# דאָס פאָלק באוואָפנט זיך

באוואָפנט גייט דאָס פאָלק. אפ ווייַט זיך הערט דער קנאַט
פונ פעסטע טריט איבער די לייַבלעכע פארוויגטע וועגנ,
אונ ס'דוכט, אז שארבנס טרעשטשעט אונטער זיי נאָך פונ באַראָדינאָ,
ווו ס'האָט דער פייַנט א קייווער זיך דערשלאָגנ אינ געשלעגנ.

זיי שטעלנ זיך א ווייַל אפ אָפרו בא דער שוועל,
ווו ס'הייבנ זיך אינ דר'הייך די ווענט פונ קרעמעל,
א טרונק טאָנ בא דעמ דראנג דעמ גרעסטנ אינ דער וועלט,
זייַנ שטאָלצנ רופ — מיט לייַב אונ לעבנ צו פארנעמענ!

אנ אלטער פארטיזאנ מיט שראמענ אפנ לייַב,
א גראָוער וועטעראנ פונ מאָסקווער באריקאדנ,
אונ יונגלינגענ — זיך אָפגעלאָזט געטרייַ
מיט טאטעס — איבער וועגנ רומפולע אונ גראדע.

פונ שול-באנק — אפנ פערד! פונ טראקטאָר — אפנ טאנק!
פונ פרידלעכנ ווארשטאט — אפ גרויזאמע הארמאטנ;
דו הערסט דייַנ בראָך, פאשיסט? מיט בלייַיקנ געטראנק
באזויפנ וועט דייַנ שיקערער דייַנ גאָרגל זיך צו זאט דאָ!

מיט דייַנע שארבנס זיך פארזייענ וועט א יעדער טאָל,
וואָס האָסט געפרוווט מיט דייַנע טלאָענ א צעהאק טאָנ;

עס גייט דער שטאָלץ דער שלאכטיקער פון פאָלק —
דער העכסטער גראַד פון דראַנג און פון געוואַגטקייט!

אַן איידעס איז דער טויט! אַן איידעס איז די צייט!
געזען זיי האָבן ביידע, שטוינענדיק פון ווונדער,
אַז ניט פאַראַן איז אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל אין שטרייט
דאָס פאָלק מיט אַ יאַרמאָ אימשטאַנד זיין צו באַצווינגען!

דער מוילעד איבער מאָסקווע — אַפּ דער וואַך,
די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט שלאָפן אין פאַרטייעט;
און מאַכנעס מונטערע מאַרשירן דורך דער נאַכט,
פאַרשטעלן מיט דער ברוסט דאָס היימלאַנד און די פרייהייט.

ס'איז נאַכט. ס'איז שטיל. אַ יעדער הויז, ווי אַ געשפּענסט.
אַ יעדער גאַס אין ווייט יאָגט זיך אַזוי גראַם נאָך,
אַריינגעשטראָמט האָט שטאָלץ איוואַנאָוו-וואָזנעסענסק,
דעם וועג איז זינגענדיק פאַרגאַנגען אים — קאָלאָמנע!

מע גייט, מע גייט — מע קייטלט זיך באַנאַנד,
מע שליסט זיך איינס צום צווייטן — נעענטער און פעסטער;
און מיט אַ הילכיקער באַגריסונג פאַר דעם לאַנד
שטרעקט אויס צו זיי די האַנט — די רויטע פּרעסניע!

אין שאַלעכלעך באַגעגענען זיי מיידלעך — מילד און יונג,
איבער געפּילטע עמער וואַסער אָנגעבויגן;
און פרעגן אויס: — וויל עפּשער עמעצער אַ טרונק?
און ס'בליט פאַרשעמטקייט צאַרטע אין די אויגן:

זיי ווילן אויך אַצינד באַגלייך מיט אַלע גיין.
די יונגע שטימען קייקלען זיך, ווי גלעקלעך איבער;

אפֿ בלימלעך טרעפֿן זיי — צי דער געליבטער ליבט צי נײן,
און ס׳ענטפֿערט אָפּ די מוטער-נאַכט: — מיר ליבן אײַך, מיר ליבן!

איר זאָלט עס יעדן אויסזאָגן! — נאָר מער קיין וואָרט
זאָל ניט דערוויסן זיך פֿון אײַער מויל ניט קיינער;
און ס׳איז ניט שווער דעם קאָפּ אוועקלייגן פֿאַר יעדן אָרט,
ווו ס׳קוקן מיידלעך נאָך פֿאַרליבט און מוטערלעכע זקיינעס.

פֿונעם צעהאַנגענעם וועש רײַסן די מאַמעס אָפּ די שטריק
און לייגן פֿאָר: — באַדאַרף זיי צו דער ביקס ניט קיינער?
— נעמט, זינעלעך! איר זאָלט געזונט זיך אומקערן צוריק
און בינדט זיי צו, ס׳זאָל גרינגער זײַן צו גיין אײַך!

א שוועץ צו דעם לאַנד איז זייער טראָט!
א ניידער צו דעם לאַנד איז זייער צאָרן!
דורך אש און שטויב פֿון פֿײַנט און זײַן באַראָט
וועט אפֿ דער פֿרײַהײַט-שווערד געבראַכט זײַן דער ניצאָכן!

עס גייט דאָס פֿאָלק. אפֿ ווײַט זיך הערט דער קנאָט
פֿון פֿעסטע טריט איבער די לײַבלעכע פֿאַרוויגטע וועגן;
און ס׳דוכט, אַז שאַרבנס טרעשטשען נאָך אונטער באָראָדינאָ,
ווו ס׳האָט דער פֿײַנט א קיווער זיך דערשלאָגן אין געשלעגן!

## אָ דײַטשישער געפאנגענער

ער שטײט אפן פארהער. די אײדעס — װאלד און פעלד.
דער קאָפ אין קאסקע, װי נ׳א קײװער־שטײן פארמױערט;
מ׳האָט אים אפ שארבנס און אפ בײנער דורכגײן זיך באפעלט,
איז ער געגאנגען — אָפּגעטאָן פון פרײד און טרױער.

ער קוקט זיך אום. ארום איז פעלד. ארום איז װאלד.
צום ערשטן מאָל ער זעט זײ אין דער נאָ׳נט דאָ;
די זאנגען, האלדזונדיק זיך, אײנע אפ דער צװײטער פאלט,
און ס׳גיט זיך אים אין קאָפּ אזא מין טעמפּער פלאָנטער:

— איז װאָס האָט ער עס צו די גערטנער פרידלעכע געהאט?
— פארװאָס האָט ער דעם בלי פון בײמער ניט פארגינט דאָ?
— פאר װעמען האָט ער, גײענדיק אין קריג פאר א סאָלדאט,
געטראָטן איבער קעפ פון קלײנע קינדער?

דאָס איז אים פרעגן אין דער הײם געװען פארװערט.
צו טײַער ס׳האָט געקאָסט. ס׳װאָלט ניט געקלעקט דאָס לעבן.
איצט פרעגט ער עס אלײן זיך אױס אפן פארהער
און בא דער ביקס דער אומגעפאלענער — דערנעבן.

דאָס גראָז װענדט אָפּ זיך פון זײַן בליק,
די ערד לױפט אײַן פון זײַן באטרעטן;

ס'קערט אום דער ווינט זיך, וואָס באַגעגנט אים, — צוריק,
און ס'וויקלען זיך לעמ אים צונויפ פונ בוימ די בלעטער.

ער שטייט אפנ פאַרהער. עס ציט אים צו דער ערד אַראָפּ.
נאָר ווי א קיווער איז די ערד פאַר אים צעכראַסטעט;
די קאַסקע טוט אליינ פונ אים זיך אָפּ,
עס קריכט פונ אים אַראָפּ די בלוט-פאַרסאַמטע סוואַסטיק;

אַלץ, וואָס ער זעט — איז, ווי ס'וואָלט קיינמאָל ניט געווענ.
פונ ווײַט דערגייט א פויגל-פריילעכער געהודע:
— געשיקט זיך, אז אמאָל איז ער געווענ א מענטש
און האָט געהערט, ווי ס'רופט א מענטש א מענטשנ — ברודער?

עס לויפט דורכ אים פאַרבײַ א ווינט,
די צווײַגנ גיבנ צווישנ זיך א שטאַמל:
— געשיקט זיך, אז אמאָל איז ער געווענ א קינד
און ס'האָט אמאָל זיך פונ זײַנ מויל אַראָפּגעריסנ: — מאַמע?..

עס גייט שוינ דער פאַרהער צו ענד.
נאָר ס'גיבנ ריטשקעלעכ פונ ברעג א רײַס זיך:
— געשיקט זיך, אז אפ מי' זײַנענ די בלוט-פאַרפלעקטע הענט
און — ניט אפ שנײַדנ גאָרגלענ אינ די הײַזער?

די צײַט דערפרעגט אים, לויפנדיק פאַרבײַ.
און ער? ער קוקט זיך אום מיט טעמפקײַט פונ געלויער;
ער שוויצט — פונ ספּירט, פונ פּאַכאַד און פונ בלײַ,
נאָר עס געזעגנט צו אים פונ אונטערגאַנג דער טרויער

און טײַט אפ אים פאַרומערט מיט דער האַנט:
אַרויסגעשיקט מ'האָט אים, ווי א געפּאַנצערטע מאַגייפע,

אז זײַנ דער טויט זאָל ער, ווו קעגנשטעלנ קאָנ זיכ ניט קײנ לאַנד,
די קלאָלע זײַנ זאָל ער, דער אומגליק אונ פאַרצווײפלונג!

פונ דאָרפ צו דאָרפ, פונ שטאָט צו שטאָט
מיט פעסט אינ מויל, מיט האַק אפּ אַקסל —
ווו ס'האָט זײַנ פוס געשטעלט א טראָט,
איז מער קײנ גראָז דאָרט ניט געוואַקסנ...

געענדיקט דער פאַרהער. ער קוקט, ווי א געפּאַנצערטער מיקראָב,
דער טעמפּער בליק — פונ גיר אפּ בלוט זיכ מישט אימ;
— ניט קײנ סאָלדאַט איז ער! אינ שאַרבנס זיכ געגראָבנ, ווי א ראָב,
אינ בײַכער, ווי אינ קעשענעס, געשנאָרעט אונ גענישטערט!

אונ זיכ באַלעקט די בלוטיק-ברוינע פעל,
דער ערד געפּרוווט זי אָנמעסטנ, דערשטיקנ זי, אויב ענג ס'ווערט זײַנ איר;
אזוי איז ער געגאַנגענ ענדערנ די וועלט
אונ זי געשטאַלטיקנ אינ א געשטאַלט אנ ענלעכנ צו זײַנעמ.

— ווער איז ער? ווו איז זײַנ היימ? ווו איז זײַנ לאַנד?
ווער איז אָט דער, וואָס האָט דורכ טײַכנ בלוט געפירט אימ?
ער שטײט איצט אויכ אפּנ פאַרהער איבערנ האַלדז אינ בלוט אונ שאַנד,
אונ ס'מאָנט די גאַנצע ערד: — וואָס גיכער אימ פאַרניכטנ!

## געפאנגענער פאשיסט

ער האָט געהאָפט זיך אומקערן פון קריג
אפ טריומפאלן רײַטוואָגן פון שארבנס און פון ביינער;
דעם קרייץ דעם אײַזערנעם פאר בליץ-שנעליקן זיג
אפן פאראד דער „פיורער" אָנטאָן וועט אליין אים,

ארומנעמען אים פײַערלעך פאר דינען טרײַ,
די האנט די בלוטיקע אפן פאראד אים דריקן
און אים באשטימען פאר א ווירדיקן בוהײַ
איבער א גאנצער שטאָל געצייכנטע ארייקעס,

ער זאָל אין שויס פון ריינעם שטאם צוריק
מיט בלוט געשטעמפלט נאָכאמאָל זיך קערן;
און א באשיידענעם צושטײַער צו דעם נעקסטן קריג
זאָל ער דעם „פיורער" ברענגען מיט זײַן נאָבעלער פארמערונג.

און דאָס וועט זײַן זײַן אמט און זײַן באַרוף און טאט,
און ער וועט ענדערן אזוי פון וועלט-סיידער די גרונטן;
ער וועט נאָך עפשער אָנשרײַבן א גײַסטרײַכן טראקטאט:
„מײַן קאמפ" אָדער „דער מיפ פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט".

ער האָט געוויסנהאפט דאָך אויסגעפילט דעם „פיורערס" וואָרט,
כאָטש פון געוויסן האָט דער „פירער" פײַערלעך באפרײַט אים;
ניט דורכגעלאָזט האָט ער קיין איינציק אָרט,
ס'זאָל ניט פארוואנדלט זײַן אין ברוכווארג און אין שײַטער.

ניט דורכגעלאָזט קיין שטוב האָט ער דאָך אָן א מאָרד,
קיין שוועל קיין איינציקע געמיטן אָן א גוואלדטאט;

געוויסנהאפט ט׳ער אויסגעפילט דעם „פיורערס״ וואָרט,
און איצט וועט ער מיט שטאָלץ אים אפּנ האלדז א פאל טאָנ:

— אינ קיִעוו בליצט! אינ מאָסקווע בליצט!
מיר פירנ בליצשנעל דורכ די נײַע אָרדענונג!
צו וועמענ נאָכ באפעלט דער „פיורער״ איצט
זיכ לאָזנ בליצשנעל הארגענענ און מאָרדנ?

ער האָט דאָכ אויכ גערעוועט אפּ א כאָרכלדיקער שטימ,
און ווי דעמ „פיורער״, האָט פונ מענטשנ אימ געעקלט;
די העכערע באלוינונג ווארט אפּ אימ באשטימט,
זאָל נאָר געדולד ביז ענדע קריג אימ קלעקנ!

און טאָמער ניט, — האָט ער זיכ פאָרגעשטעלט, —
און טאָמער טרעפט עס ניט אזוי אונטער דער האנט אימ,
וועט ער זיכ עפּענענ אינ דר׳היימ אנ אייגענעמ געוועלב,
און ניט געכאפּט, באדאכט וועט ער זיכ לאָזנ האנדלענ.

ער האָט אפּ יעדנ אָרט גערוי׳ט דאָכ ביז צו ענד,
געקראָכנ ווי א קייווער-וואָרעמ צווישנ מיסט און ביינער;
און מיט די ציינ אראָפּגעביסנ פינגערלעכ פונ הענט,
און אוירינגלעכ — מיט אויערנ אינאיינעמ!

אינ יעדנ לאנד, ווו ער איז דורכגעגאנ אינ קריג,
האָט ער פונ לעבעדיק און טויט דאָכ מערדערלעכ געשונדנ;
זאָל ער זיכ אומקערנ אהיימ נאָר צ׳ריק —
דער ברוינער מיפּ פונ צוואנציקסטנ יאָרהונדערט...

און איצטער בליצט בא אימ אינ טעמפּנ קאָפּ
דער ווילדער פאכאד פאר זײַנ פעל דער ברוינער;
מיט אויגנ בלײַענע ער קוקט אראָפּ
און בענקט נאָכ א פאראד און טראכט פונ זײַנ באלוינונג!

# דאָס ליד פון דעם פוילישן פּאַרטיזאַן

פייגל טרויערן אַף אומעטיקעביימער,
פון די פעלדער קומט קיין ווינטל מיט געזאַנג;
ס'קלינגט דעם סוינס שווערד אַף אונדזער היימלאַנד,
זאָג מיר, וואַלד, — ביזוואַנען און ווי לאַנג?

ווײַסל ליגט פאַרשמידט אין שווערע קייטן,
איר געוויין צו קיינעם ניט דערגרייכט, —
מירן יונג און אַלט אַף וועגן זיך צעשפּרייטן,
בענטש אונדז, וואַלד, מיט אופשטאַנד און מיט קויך!

ס'קוקט די זון מיט פּײַן אַף וועלדער אַלטע,
אַף די שפּיצן לײַטערט זיך איר גינען-גאָלד;
האָסט אַזויפיל שטילקײַט אויסבאַהאַלטן
און אַזויפיל קרעכצן פון מײַן פאָלק.

אויב מיר וועלן אומקומען אין שלאַכטן,
אויב מיר וועלן פאַלן פון דער שווערד, —
זאָלסטו, וואַלד, עס אויסרוישן אין די באַנאַכטן,
אַז געפאַלן זײַנען מיר פאַר אונדזער ערד!

## פאַרטיזאַנער

גרויזאַם וועלדער דורך באַנאַכטן זײַנען,
ס'גיט קיין בוים קיין בייג זיך צו דער ערד —
אין אַ נאַכט-געשלעג זיך לאָזן פּאַרטיזאַנער
אין אַ וועג אַ ווײַטן — רײַטנדיק אַף פערד!

אַף באַראָט פון ווינט — פאַרלאָזט די היימען,
מיט די פעלדער זיך געזעגנט אַף ניט לאַנג —
הערט מען אײַנן זיך אין די וועגן די געהיימע,
הערט מען אײַנן זיך אין די רוימען פונעם לאַנד,

און זיך צוגעלייגט צו דר'ערד צו דער געפּלעטער,
זיך באַטרונקען מיט איר צאָרן, מיט איר פּײַן:
עפּשער ברענגט עפּעס דער שאָרעך פון די בלעטער?
עפּשער זאָגט ער דאָ דעם טראָט אָן פונעם פײַנט?

ס'רוישן וועלדער אויס אַף דערפער און אַף לאַנען,
די געשענדטע ערד ליגט הפקר אַפן וועג:
— זאַמלט אַף געשלעג צונויף זיך, פּאַרטיזאַנער,
ווער מיט ביקסן, ווער מיטווילעס, ווער מיט העק!

וועלדער וועלן זײַן אַצינד די היים אײַך,
צודעקן געטרײַ זיי וועלן אײַער שלאַכט;
וועגן פײַנט יעדיִעס טרויעריק-געהיימע
ברענגען די פאַרפײַניקטע אינמיטן שליאַך!

זקיינים אין די גראָבנס, קינדער אַף די וועגן
ליגן דורכגעשאָסענע פון מערדערס האַנט;

— זאָלן טאַטעס אָפּצאָלן אין גרויזאַמע געשלעגן,
— זאָלן אופּמאָנען די זין פֿאַר אַלעס נאָכאַנאַנד!

ס'וועט דער פֿײַנט ניט ראַטעווען די ברוינע פּעל זיך,
ניט דערגיין צו קיינעם וועט באַנאַכט זײַן רוף.—
ערגעץ לאָזט מען שוין די צונגען פֿון די רעלסן,
ערגעץ קאָרטשען זיי מיט רעדער זיך אַרויף!

ניט געלאָזט אַראָפּנעמען ס'געדרעטעניש ס'געטרײַע
האָבן אײַך דעם סוינעס בלוטדורשטיקע טריט, —
איז פֿאַרזייט דאָס פֿעלד מיט מייסים פֿון זײַן כאַיִל:
— זאָל אַזוי — אַ שניט זײַן פֿאַר אַ שניט!

פֿון די דערפֿער גייען שיקערע געהוילן,
בלוט פֿון פֿאָלק ער גיסט מיט אַ צעגאָס:
— גיסט אַרײַן פֿון ביקסן הייסן בלײַ אין מויל אים,
פֿאַר זײַן בראָך הייבט אויף די ביקסן, ווי אַ טאָסט!

אײַך אַנטקעגן גייט מיט ליכטיקער דערמאָנונג
ס'אומפֿאַרגעסלעך-צוואַנציקסטע, דאָס רומפֿוליקע יאָר:
— זאַמלט אַפּ געשלעגן צונויף זיך, פּאַרטיזאַנער,
איבער אײַך ז'צעשפּרייט דער גאָלדענער קאַיאָר!

אין די וואָלקנס שרײַבט זיך שוין דעם סוינעס ענד-שאָ,
ער ברעכט אויס צוריק דאָס בלוט מיט רויך.—
ס'הייבן פֿײַעריקע טאָסטן אויף זיך פֿון זײַן ברענשטאָף,
ס'פֿליִען אויף ציסטערנעס זײַנע אין דער הויך!

— טרײַע ערד, באַטראָטענע פֿון סוינע
און באַגאָסענע מיט בלוט פֿון קינד-און־קייט, —
אויפֿגעהויבן האָט דאָס פֿאָלק זיך קעגן צוימענע
און מיט שווערד אין האַנט באַפֿרײַען דיך סע גייט!

# גאסטעלאָ

אויב מ׳עט פרעגן: — ווער איז ער, דער אָדלער,
וועט דערציילן די הייך ניט געזאמט:
דער, וואָס ווייסט, ווי די שטערן באזאָטלען
און וואָס ווייסט ניט — וואָס איז עס א צאם!

אויב מ׳עט פרעגן: — פון וואָס זײַנע פליגל? —
וועט דערציילן דער בארג און דער טאָל:
— פון דעם שטאָלצן געזאנג וועגן זיגן,
וואָס געזונגען אין גאנג האָט זײַן פאָלק!

אויב מ׳עט פרעגן: — זײַן הארץ זײַן געטרײַע
איז מיט וועלכע פאנצערס באשיצט?
וועלן וואָלקנס דערציילן: — מיט פײַער
פון פאראכטונג צום סוינע און בליץ!

אויב דערוויסן זײַן נאָמען מ׳עט וועלן,
וואָס ז׳געוועזן פאר דעם סוינע א גרויל, —
וועט ער קלינגען אין לידער: — גאסטעלאָ,
און דאָס פאָלק וועט אים טראָגן אין מויל!

אין די גרויזאמע שלאכטן פאר פרײַהײַט
דעם באפליגלטן גיבער — דעם זון,

וואָס איז אופגאנ אינ טויט — א שטיק פײַער —
אונ זיכ אומגעקערט צ׳ריק צו דער זונ !

וויקלט, הימלענ, פאנאנדער זיכ העלער,
אונ אינ יארוסנ — וואָלקנס — באנאנד !
אפ די פליגל פונ פאָלק האָט גאסטעלאָ
זיכ געלאָזט קעגנ סוינע פונ לאנד.

פאָכענ ווינטנ, ווי זעגלענ פונ לײַנענ.
ס׳איז קאיאָר. סע באגינט. ס׳איז נאָכ פרי.
נאָר אפ רומ נעמענ רוימענ ארײַנ אימ
אונ אנטפלעקנ די הויכנ פאר אימ,

אונ אינמיטנ פונ זוניקנ העלנ
גיבנ שטערנ פאר אימ א צעבלי:
— פלי, באגײַסטערטער אָדלער גאסטעלאָ,
מירנ צייכענענ ריכטיק דײַנ פלי !

אונ ער טראָגט זיכ, דער אָדלער, אינ הויכנ,
פונ זײַנ פאָלק א פארגעבונג ער האָט, —
ס׳זאָל דער פײַנט זיכ דערווארגנ אינ רויכנ,
וואָס ער ברענגט מיט זײַנ בלוטיקנ טראָט !

זײַנע פליגל, ווי שווערדנ, צעשפרייטנ,
יעדער רעגע גאסטעלאָ איז גרייט —
פאר באפאלענע דערפער אונ בייטנ,
פאר צעטראָטענע קינד-אונ-קייט.

אונ קיינ האָגל פונ בלײַ אונ פונ קוילנ,
אונ קיינ שטורמ פונ פארפלייצנדנ פלאמ

וועט דעם סוינע פון אים ניט פארהוילן
איבער דר׳ערד, אין דער לופט, אפן יאם!

נאָר ס׳באוויַיזן זיך פליִענדע טרומנעס
מיט ציילעמער שווארצע, ווי קרעצ,
און זיי פלעכטן, ווי שלאנגען, ארום אים
פון דער פינצטערער סוואסטיק — א נעצ.

— קאָן דען עפעס אין רוים אים פארשטעלן?
— וועט אים עפעס פארהאלטן אין וועג?
א צעשפרייט גיט די פליגל גאסטעלאָ,
און ס׳באגינט אין דער לופט א געשלעג.

— פארן פאָטערלאנד! — רייַסט יעדע קויל זיך,
— און פאר סטאלינען! — טראָגט זיך דער פלאם;
דאָס געשלעג אונטער הימלען איז גרויזאם,
ס׳ברעכט גאסטעלאָ א צאם נאָך א צאם!

ס׳טראָגט אפ רעכטס זיך א האָגל פון פייַער,
ס׳טראָגט אפ לינקס זיך א האָגל פון בלייַ:
אין די גאָרגלען פון סוינע פאר דרייַען
צילט גאסטעלאָ זיך פינקטלעך און גלייַך!

מיט א כאָרכל פון פייַער פארכלינעט
גיט זיך איינער א קרום און א ברעכ:
— אָט אזוי! און — דערווארג זיך, און פלי ניט
אפ סאָוועטישער הייליקער ערד!

און, פארוויקלט אין רויכן פון סרייפע,
גיט א צווייטער א רעווע, א רופ;

און באקרוינטע מיט פלאמיקע רייפן —
אפ די רוקנס מיט רעדער ארופ,

מיט די פינצטערע צלאָמים — צעפאטלט,
פונקט ווי שווארצע שטורקאצן אין לופט;
— קומט אהער! — שרייט גאסטעלאָ — פיראטן,
דאָס סאָוועטישע פייער פארפרווט!

ס׳פילט גאסטעלאָ קיין איינציקע רעגע,
ווי סע זעצט שוין פון לייב זיינס מיט בלוט;
א סאָוועטישן אָדלער נ׳געשלעגן
אפ קיין רעגע פארלאָזט ניט דער מוט!

יעדער בייט, יעדער בוים, וואָס גאסטעלאָ
זעט פון דר׳הייך אפ זיין לייבלעכער ערד,
שטילט דעם ווייִ, לענט מיט קראפט אזוי שנעל אים,
ס׳דוכט — דאָס קאָל פון זיין מאמען ער הערט:

— שלאָג זיי, זון מיינער, טרייסט מיינע, — פעסטער!
שלאָג, גאסטעלאָ, — פאר אלץ זיי באצאָל!
פאר דערמאָרדעטע קינדער און שוועסטער,
פאר צעטראָטענער מי אָן א צאָל!

זיבן מאָל אזויפיל זאָל פארמערט זיין
יעדער קאָפ פון מיין זאפט, וואָס דיך נערט;
שלאָג זיי, זון מיינער, שלאָג פאר די קרעכצן
פון די זקיינים אין וועג בא די נעכט.

יעדער וואָלקנדל זיין זאָל א שוועל דיר,
און א טרונק אין דיין דאָרשט, און א וואך;

שלאָג זיי, זון, פאַר פאַרוויסטעטע פעלדער,
קער זיך אום אַ געזונטער פון שלאַכט! —

ניט געזען האָט די הימלשע סטעליע
אַזאַ אָדלער — צו הויכן געוועגדט;
כאָטש אין בלוט גייט שוין אָפּ דאָרט גאַסטעלאָ,
נאָר דער רודער איז פעסט אין די הענט.

אַף דער ערד — מיט צלאָמים אין שטויבן
ליגן טרומנעס מיט פליגל אין בראָך;
אומגעריכט קומען נייע פון אויבן,
בא די זייטן פאַרלויפן אים נאָך!

מע פאַרגייט אַרום אים, ווי מיט קלעמער,
פערציק צייֵלעמס אַף אים מע פאַרטרויט;
ס'וועלן הענקערס גאַסטעלאָן ניט נעמען,
עס געהערט ניט גאַסטעלאָ דעם טויט!

און עס גייט דאָס געשלעג, ווי אַ ווונדער,
צווישן איינעם מיט צען און מיט מער;
ס'רײַסט גאַסטעלאָ זײַן לײַב פון די ווונדן,
נאָר אַ פלאַם גיט אַ וואַלגער זיך שווער.

שוין דער קאָמבינעזאָן איז אין פײַער,
און די אויגן שוין פרעסט אים דער רויך;
נאָר דעם פײַנט וועט ער אָפּקאָסטן טײַער,
מיטן קאָפּ ט'ער באַצאָלן אין דר'הויך!

— נאָך אַ ווײַלע, פאַרפעסטיקטע ווערעם, —
שרײַט גאַסטעלאָ. — דאָס איז נאָך ניט אַלץ. —

ווען קיין קוילן שוין קלעקן ניט מער אים,
ווען ס'פארפעלט אים שוין אָטעם אין האלדז, —

גיט אליין א באפעל זיך גאסטעלאָ,
און אליין די קאָמאנדע ער פאָלגט:
— זאָלן פליגל, וואָס ס'פאָלק האָט געגעבן,
זיך פארוואנדלען אין ליכט פארן פאָלק! —

און א לעצטער געדאנק גיט א וויג אים,
ווי א בליץ גייט אים דורך נאָך א שײַן:
מיט דעם לעצטינקן אימפעט פון פליגל,
ווי א דונער אין ברענשטאָף פון פײַנט!

ס'האָט די ערד זיך א דריי געטאָן העלער,
ס'האָט א פלייץ געטאָן פײַער א יאם —
א באגינען איז אופגאנג גאסטעלאָ
צו דער זון מיט א ליכטיקן פלאם!

ס'איז דער אָפהילך געגאנגען אינדרײַען
צו די ליכטיקע ווײַטן געווענדט:
— עס צינדט אָן זיך בלויז פײַער בא פײַער,
נאָר ס'ווערט קיינמאָל אין פײַער פארברענט!

אָט אזוי אומבאזיגבאר און הערלעך
וועט ער בלײַבן, דער אָדלער, נ'געדעכ;
און פונקט ווי דאָס פאָלק איז אומשטערבלעך,
אזוי אויך אומשטערבלעך איז ער!

אויב דערוויסן זײַנ נאָמען מ'עט וועלן,
וואָס ז'געווען פאר דעם סוינע א גרויל,
וועט ער קלינגען אין לידער — גאסטעלאָ! —
ס'וועלן דוירעס אים טראָגן אין מויל!

# א פּ א ט ר ו ל
# איבער מאָסקווע

1

ווען מיט דעמער פּילט אָן זיך די לופט,
ווען עס גייט זיך די נאכט א צעגאָס טאָן, —
הייבט אין הימל אפּ פליגל זיך אופ
אין דער הייך א פּאטרול איבער מאָסקווע.

ער גייט דורך אין א גרויזאמען מארש,
שניַידט די וואָלקנס אדורך מיט געוואָרישן, —
און מיט ליבע פּארטיַיעט אין הארץ
אים באגלייט די פּארטונקלטע הויפּטשטאָט.

ס׳גייט פון פענצטער ניט נאָך אים קיין שיַין,
ס׳קוקט אראָפּגעלאָזט יעדער לאמטערן.
אין דער הייך דער פּאטרול קוקט זיך איַין
בא דער ליכט פון באגעגנטע שטערן.

אפּ די פליגל — דער צאָרן פון לאנד,
און אין הארצן — פון פיַיער א שטורעם;
ס׳זאָל דעם סוינעס פּארבלוטיקטע האנט
צו דער הויפּטשטאָט ניט טאָן זיך קיין צוריר.

יעדער גאס איז געגארטלט מיט רום,
יעדער פלאצ איז אפּ שלאכטן פּארמאָסטן;

ס׳גייט אינ הימל אפ פליגל ארומ
א פאטרול אינ דער הייכ איבער מאָסקווע.

דעמ באנאכטיקנ שפארבער ער שפירט
אונ דעמ פאָכ פונ כאָרכל אונ כריפענ;
אויסגעלאָשנ פונ פענצטער דאָס ליכט
שטייענ מויערס, פארשלאָסנ די ליפנ.

נאָר ס׳איז גרייט יעדער שטיינ צומ פארהער,
אונ ס׳איז גרייט יעדער ציגל צו מעלדנ,—
אז ניט צוטריטלעכ איז אָט די ערד,
אָט די לופט, אָט די שטעט, אָט די פעלדער

פאר די בלוטיקע ציינ פונעמ פייַנט,
פאר דער שארפ פונ די כייַישע נעגל;
ס׳גייט געמאָסטנ קיינ מאָסקווע אריַינ
דער אומשטערבלעכער רומ פונ געשלעגנ.

ס׳קוקט די שטאָט ווי א צייכנונג פונ טוש
אינעמ הייב פונ פארנאכטיקנ דעמער;
אונ עס הערנ די וויַיטנ פארכושט,
ווי ס׳דערציילנ די טורעמס פונ קרעמל,

אז אמ דוירעס געבויט איז די שטאָט,
אז איר פריַיהיַיט ז׳פאר פעלקער געשאפנ;
ניט פארומווירדנ וועט זי קיינ טראָט,
אונ ס׳וועט קיינער זי קיינמאָל פארשקלאפנ!

ביז די לענדנ באלאָדנ מיט זאמד,
אפ די אקסל — פראָזשעקטאָרס, ווי שווערדנ;

און ס׳איז שטיל. עס האָט קיינער פארזאמט
צו דעם פרווו, וואָס באנאכט איז באשערט איר.

ווען מיט דעמער פילט אָן זיך די לופט,
ווען עס גייט זיך די נאכט א צעגאָס טאָן,
הייבט אפ פליגל דער קרעמל זיך אופ,
ווי א טרייַער פאטרול איבער מאָסקווע!

2

## א לופטיקער אליארם

דער הימל — אויסגעפוצט צו א באנאכטיקן פאראד
ווי אפ אן איבערופ זייַנען ארויסגעגאנגען די שטערן;
סירענעס אויסגעוואָיעט האָבן זיך ביז מאט!
און ס׳האָט דער רוים פארשלונגען זיי, ווי א געטראנק א שווערן.

א ווייַלע — פייַערלעכע שטילקייַט פון באנאכט.
דערוואַרטונג רודערט אופ דער רוים אליין נאָר;
זיך דורכגעריסן האָט די לופטיקע געפאר —
זי ז׳ערגעץ דאָ, נאָר ס׳זעט זי נאָך ניט קיינער.

ווי זאנגען ריזיקע — געיאָגט פון ווינט —
וועקן פראָזשעקטאָרס אופ, אָן ראש, דעם מילכוועג;
זיי רוימען עפעס איינס דעם צווייטן אייַן געשווינד,
און ס׳קלינגט אָפ ווייַט פארטויבנדיק און הילכיק.

זיי רעדן איינס צום צווייטן אפן ווונק,
ווי ס׳רעדן טויב-שטומע מיט פיבערדיקע פינגער —
פון יעדן ריר — א קלאנג, פון יעדן קלאנג — א פונק,
און דאָס געשפרעך — מיט אזא שווינדלדיקער פלינקייַט!

אָט גייט אין הימל שוין א בליציקער געיעג
פון רעגנבויגנס אויסגעשלייפט פאר רייטער-אירע —
און ס׳דאכט זיך, אז א ריזן-פאווע האָט צעשפרייט דעם עק
און האָט פארפלייצט דעם הימל מיט די פעדערן מיט אירע.

א ברענענדיקער בלענדיקער באריער
פון הוילע שווערדן אינדערהויך פארמאָסטן —
ער אָטעמט שוין מיט פאָספאָר קרעכצנדיק און שווער
דער שפארבער — איבער מאָסקווע.

אף שנורן גאָלדענע מע ווארפט א קויל אים נאָך א קויל,
זיי וויקלען אים ארום, דעם האלדז בא אים פארשלייפן —
און ס׳גיט א לאָז זיך פון זיין פינצטער מויל
ווי א געשריי — א ברעכנדיקע סרייפע.

נאָר ס׳לאָזן די פראָזשעקטאָרס אים ניט אָפּ,
זיי טייטלען גראד, ניט מיידן זאָל דאָס הייסע בליי אים;
ער דארף נאָך דורכמאכן דעם וועג אראָפּ
מיט א צעשפארטן פאראשוט פון וואַרגנדיקן פייער.

עס קרייצט דאָס ליכט זיך הויך, ווי שווערד מיט שווערד,
און אף די שארפן, שניידיק, אים צום גרונט זיי פירן —
מיט לעצטן כאָרכל פאלט ער צו דער ערד,
ווי אזא שווארצע אָפּגעפּרעגלטע פּעגירע.

די נאכט איז שטיל. זי גייט צו ענד.
פארן באגין דער מילכוועג איז שוין אָפּן;
איין שטערנדל — א העלס — נאָך ברענט,
און איינס — דעם וועג איז דורכגעלאָפן.

3

## אין באנאכטיקער וואך

ס׳איז האלבע נאכט. פון פעלד א ווינטעלע קומט אָן.
אין הימל ווארפט זיך בליציק דורך א בויגן. —
אונטער א וואָלקן איז דער סוינע ערגעץ נאָ׳נט,
ער האָט זיך דורכגעשפּארט און — דורכגעפלויגן...

דער רויש פון זײַן מאָטאָר אין אומפארמײַדלעכקײַט דערמאָנט —
ער וועט ערגעץ א שלײַדער טאָן זײַנע פארניכטנדיקע רויגן...
און אונטער אים, אין א ברעזונטענעם קאָמבינעזאָן,
שטייט אפן דאך א קאָמיוגיסטקע — לײַכט און בויגיק.

זי שפּירט אים נאָך מיט קאָפּ פאריסענעם אין דר׳הויך,
זי גייט אים נאָך מיט שארפע, אָנגעשטרענגטע אויגן,
מיט פרישן טוי זײַנען די האָר אירע באהויכט,
און ס׳איז איר האלדז ווי בא א בושל אויסגעצויגן.

ער דרייט זיך אום, דער שפּארבער, מיט געהויל,
ער וויל מיט סרייפעס באדערנאכט זיך דאָ פארווײַלן.
אויב ס׳וועט אראָפּ לעם איר א צינדנדיקע קויל,
וועט זי פון צוריך מיט איר האנט באהערשט זײַן אין א ווײַלע.

זי האָט נאָך ניט קיין פולע אכצן יאָר,
נאָר אזא רו א פולע פלייצט פון איר אריבער;
אין אומאָרדנונג צעוואָרפן איבער אקסל אירע האָר,
און עפּעס פרעגן בא דער נאכט אין אומרו אירע ליפּן...

אין הויכן גייט א לופטיקער געשלעג.
דער הימל פלאצט פון פײַלן און פון קוילן.

עס שטייט פון אלע זײַטן   צו צו איר די שרעק,
נאָר גאָרניט קאָן די שרעק בא איר ניט פויעלן.

דאָס זאמד איז דאָ. דאָס וואסער אויך. און דאָ איז פראָנט.
זיי וועלן, ווי געוועך אין שלאכט, אצינדער זײַן געטרײַ איר;
נאָר ס׳איז איר הייס אינעם ברעזענטענעם קאָמבינעזאָן,
פון קאָפּ גיט זיך איר באנד א גליטש און א צעשטרײַע.

אפ בלויען פלאט פון הימלדיקער הויך
האָבן פראָזשעקטאָרס, ווי מיט קרײַד, ארויסגעפירט א פאָרמול
און לייזן הילכיק זי — מיט פײַער און מיט רויך
און מיט באנאכטיק-פלאקערדיקע שטאָרמען.

די ווײַסע צײַן צווישן פארברוינטן מויל
בליצן אין רעגונג אופ בא יעדן ריס פון די געווערן;
ווי אפ באלויכטענעם קאטאָק גליטשט זיך פארשײַט און הויל
טראסירנדיקער בלײַ, געארעמט מיט די שטערן.

עס קוקן מויערן פארטײַעטע ארופ,
דאָס פײַערדיקע קסאוו זיי לייענען, די ריזן,
און רײַסן איבער גלײַך. דאָס מיידל האָט געטאָן א רופ:
ווי ס׳פאלט דער שפארבער מיט דער האנט האָט זי באוויזן.

און ס׳ווילט זיך אָנעמען די מיידלשע פארברוינטע האנט,
א צערטל טאָן זי שטיל אזוי, אָן ווערטער;
נאָר דעם ארונטערגעגליטשטן סאמעטענעם באנד
פון בלאָנדן קאָפּ זי מאכט זיך שוין צורעכט דאָרט.

אין הימל יאָגט א בליץ נאָך בליץ זיך נאָך,
מיט אופרײַסן פון דונער יאָגט ער ערגעץ אָן אים;
נאָר שטארקער איז דער פלאם פון אירע אכצן יאָר
ווי דער פארטויבנדיקער קנאל פון פלאמיקע קאנאָנען!

## דעמ פארוווּנדעטנ רויטארמייער

און אויב אפ ביימער צעטיקט זיך די פרוכט
און גיסט זיך אָנ מיט שמעקעדיקע זאפטנ, —
איז עס דאָס יוירנ פונ דיינ שלאכטנדיקנ רומ
און פונ דיינ אומפארגעסלעכער געוואגטקייט!

און אויב דאָס ווייצ איז אָנגעטריפט מיט גאָלד
און פעלדער מיט גערוישנ זוניקע זיך וויגנ, —
איז עס דער וויי, וואָס האָסט הארכאָוועדיק באצאָלט
אינ דיינע הערלעכע און אומגעהערטע זיגנ!

און אויב דאָס קינד שפילט זיך א זאָרגלאָזיקס אינ זאמד
נ׳פאר אימ די וועלט עפנט א פרייע זיך פאנאנדער, —
איז עס דערפאר, ווייל מיט דיינ ביקס האָסט ניט פארזאמט
דעמ טויט א צאמ צו שטעלנ בא די ראנדנ!

און אויב די טשערעדעס זיך פאשענ אפנ לאנ
און פונ די קוימענס קרייזלענ זיכער זיך די רויכנ, —
איז עס דערפאר, וואָס דו האָסט אויסגעשפרייט דיינ האנט
איבער דער ערד, און אפנ יאמ, און אינ די הויכנ!

און אויב די שטרעקעס זיינענ אויסגעשפרייט אינ פראכט
און בליִענ האסטיק מיט א מונטערנ געבלעבל, —
איז עס דערפאר, ווייל פאר דיינ לאנד האָסטו אינ שלאכט
ניט געשאנעוועט דאָס לייב און ניט דאָס לעבנ!

דעמ שטויב — א יעדער טייך דיר אָפּווישנ פארלאנגט,
און ווינטעלעך פונ בערג דעמ אָטעמ טראָגנ דיר צושטייער;

עס לײגט צו װוּנד דײַנער זיך צו דאָס גאַנצע לאַנד,
װי צו א קינד — א מאמע א געטרײַע!

זי װעט אים אויסטרינקען אין שלאָפלאָזיקע נעכט,
זי װעט אים אויספּעסטען אין פּײַן בא דײַן געלעגער, —
װי דו געפּעסטעט בא דײַן האַרצן האָסט די שװערד,
אַז א פאַרניכטנדע זי זײַן זאָל אין געשלעגן.

עס לאָזט, א שטילע, זיך די נאַכט פאַר דיר אַראָפּ,
אַז ניט געשטערט זאָל נאָך די שלאַכטן זײַן דײַן רו דאָ;
און װי א שװעסטער בייגט זי אָן זיך צו דײַן קאָפּ
און לאָזט דעם טאָג צו דיר געזעגענען װי א ברודער.

די װײַסע מאַרליע אַף דײַן בראָנזיק-ברוינער האַנט
זעט זיך אַף שטרעקעס, װי פון באַרג-שפּיצן די שנייען;
אָ, ניט פאַרגעסן װעט דיך קײנמאָל ניט דאָס לאַנד
און דײַנע װוּנדער אין די שלאַכטן, רויטאַרמייער!

אונטער דײַן טראָט לייגט יעדער גראָז זיך מיט זײַן טוי,
א יעדער בוים רײַסט זיך זײַן שאָטן דיר צו געבן —
פאַר דײַן געלײַטערטער פאַראַכטונג צו דעם טויט
און פאַר דײַן בלוטיקער פאַרליבטקייט אינעם לעבן!

אין דײַנע אויגן — אײַנגעקרעמפּטער װיי
און האַס צום פײַנט — פון דר׳ערד ביז צו די שטערן;
זיי דרינגען דורך דעם װירבלענדן זאַװיי,
װוּ ס׳װערט דאָס פאָלק געפּרוּװט — זײַן פרײַהײַט און זײַן ערע.

ס׳שפּאַרט פון זיי דראַנג און אומגעדולד און זאָרג:
צוריק אַהין, צו גרענעצן א רײַט טאָן!
אין לידער שלאַכטיקע פון דאָר צו דאָר
װעט דיך דאָס פאָלק אין האַרץ אַדורכטראָגן דורך צײַטן!

# Ex oriente—lux *)

מיט פײַער אונ מיט בלוט ווערסטו געפּרוּווט פונסנײַ,
געפאנצערט מיט דעם ערשטנ פערטל פונ יאָרהונדערט:
צי האָסט דער וועלט זיכ בלויז געכאָלעמט אפ א ווײַל,
צי ביסט מיט הויט אונ ביינ ארײַנ אינ אירע גרונטנ...

דו ווערסט געפרוּווט. דו ביסט פונסנײַ געשטעלט
אפ א פארהער פונ דוירעס אופגעוואכטע,
וואָס, צוגעשמידט מיט קייטנ דורכ באטריגער פונ דער וועלט,
אפ די דערלייזנדיקע טריט דײַנע זיי ווארטנ.

ס'גייט דער פארהער אינ פײַער אונ אינ פלאם,
דײַנ פרײַהײַטס-גײַסט אינ איבערקרייצנדיקנ קלעמ איז:
צי זײַנענ קנאָכיק דורכגעוועבט-באהאָפטנ מיטנ שטאמ
די גרונטפעסטנ פונ דײַנ געוואגטנ עמעס...

די צוקונפט שטרעקט צו דיר איר בליק.
זי אײַלט צו דיר, מיט טריט פונ אופגאנג זי גענענט שוינ:
אפ דיר געמאָלדנ איז די ברענענדיקע קריג
דעם גײַסט דעם פרײַענ פונ דער מענטשהײַט!

אינ קראמפנ ווארגנ לענדער זיכ, געשמידט מיט צאר.
געקעפטע פעלקער היימלאָזיקע בלאָנקענ.

---

*) פונ מיזרעכ — ליכט

באשערט איז דיר צו זײַנ דער שלאכטיקער פלאצדארמ,
ווו ס'האָט די פינצטערניש געמאכט איר לעצטנ אָנגריפ!

אנטקעגנ דיר האָט זיכ געשטעלט דער אָפּפאל פונ דער ערד,
די גאל די אויסגעבראָכענע פונ רויבערישע קריגנ,
וואָס האָט באשמוצט די צײַט אונ זי פארשוועכט
אונ זי באצווונגענ מיט פארגוואלדונג אונ האריגע.

אנטקעגנ דיר האָט זיכ געשטעלט דאָס כאָרכלדיקע מעשוגאס
דאָס אויסגעכאָוועטע פונ אָפּגרונטדיקנ כוישעכ,
וואָס ווייסט קיינ גרענעצ אונ קיינ ברעג איג ווילדנ האס
צו אלצ, וואָס לײַכט אונ וואָס באוועגט, נ'וואָס דארפ בארוישנ.

אנטקעגנ דיר האָט ניט קיינ קעגנער זיכ געשטעלט,
נאָר א באשעפעניש פונ פעסט, נאָר א מעטורעפ,
וואָס האָט איג גסיסע פארנ גאָרגל אָנגעכאפּט די וועלט
אונ וויל זי אָנשטעקנ מיט טויט דורכ זײַנ פארסאמטנ צוריר.

ער וועט פארברענט ווערנ אינ דײַנ צעפלאקערטנ קאיאָר,
דעמ רוקנביינ, ווי אָנ א פעלדז, צעברעכנ וועט ער;
ווײַל ניט קיינ כאָלעמ ביסטו, נאָר די ווונדערלעכע וואָר,
וואָס איז דורכ פײַער-צײַט אונ דורכ פאנאנדערוווקס באשטעטיקט.

בא דײַנ צופוסנס ער צעבראָכנ ווערנ דארפ
אונ ווערנ אָפּגעווישט ענדגילטיק פונ דער ערד שוינ;
געפרווט דו ווערסט מיט אָט דער הייליק-גרויסער שלאכט,
אפ דיר קוקט איצטער מיט באוונדערונג די מענטשהײַט!

אונ ס'קלינגט דײַנ ענטפער דונערדיק אינ רוימ
דורכ שטאָלצער שווערד דײַנער, געשליפענער אינ ליידנ,

פאַר דעם יאָרטויזנטדיקן פרײַהײַטס-טרוים,
וואָס דו האָסט אים געזייט און דיר באַשערט איז אים צו שנײַדן!

עס איז דײַן ענטפער גרויזאַם צו דער ווײַט פאַרטרויט,
דער שטוינענדיקער וועלט ער ווערט געגעבן —
אין לעגענדאַרישער פאַראַכטונג צו דעם טויט
און אין די שלאַכטן לעגענדאַרע פאַר דעם לעבן!

ס'האָט ניט קיין קויל צו זאָגן איבער דיר,
ס'קאָן דיך דער טויט פון שלאַכטן ניט אַנטוויינען —
די ערשטע האָסט פון פרײַהײַט אָנגעצונדן ס'ליכט,
און עס פאַרלעשן ניט דערלויבן וועסטו קיינעם!

אַצינד געהערסטו איר, געזאַלבט פון צײַט,
און זײַן איר שוץ אַצינד ביסטו באַרופן.
אַ פערטל פון יאָרהונדערט, בויענדיק מיט דײַן געצײַג,
האָסטו געהויבן זי פון שטופן איבער שטופן

און זי אַנטפּלעקט דער וועלט אין הערלעכן געבוי,
זי מיט דעם פײַער-קסאוו פון גרונט-געזעץ געשטעמפּלט און געבונדן.
אַצינדער וועט אַ יעדער גראָז און יעדער בוים
אין שלאַכט פאַר איר באַווײַזן וווּנדער!

עס וועקט דײַן שווערד איצט די גערעכטע אופּ
דעם גײַסט פון גרויסע, פון אומשטערבלעכע געשלעגן. —
דאָס זיבעצנטע יאָר, דײַן ערשטן אופשטײַג באַרג-אַרופ,
ווען האָסט אַף אייביק מיט דער קנעכטשאַפט זיך געזעגנט;

ווען האָסט אַף אייביק אויסגעטאָן די קייטן פון די הענט
און דעם יאַרמאָ פון פאָלק אונטער געזאַנג צעשמעטערט. —

אצינדער גייען אופֿ דײַנע יאָרהונדערטן אין בלענד
און שטעלן זיך לעם דיר: צעעפֿן זיי און — בלעטער!

און לייען אין דער טיפֿ דעם גאָלדענעם פארזיי,
דעם איבערפלעכט און דראנג פֿון יוירנדיקע שײַנען, —
באהאָפּטן — דורכגעוועפּט אין טיפעניש מיט זיי
זײַנען די גרונטפֿעסטן פֿון דער גערעכטיקײַט פֿון דײַנער.

בא ראנדן זאמלט זיך דאָס כאַיל פֿון באָראָדינאָ,
ס׳קומען פֿון אײַז־געשלעג צונויפֿ זיך די גיבוירים;
און פֿון ווארשטאטן און פֿון פעלדער קומען נאָך,
וואָס זײַנען שטאָלץ אפּ באריקאדן־פלאם געבוירן.

און ווי א שטורעם־פויגל יעדערער זיך רײַסט,
און יעדער איינער קאָן זיך ליכטיק א צעשאל טאָן:
— דאָס פֿײַער האָט קיין צוטריט צו דעם גײַסט,
וואָס האָט אין פֿײַער זיך געשטאָלט און זיך געשטאלטיקט!

זיי שטעלן אויס זיך, די גיבוירים, האנט בא האנט,
ווי די באזונגענע די פלאם־געשטאלטע רייען,
און נאָכאמאָל אין שלאכט און אין געשלעג באנאנד —
מיט די געטרײַסטע אָפּשטאמען — מיט רויטארמייער,

וואָס האָבן אפּ דער ערד און אין דער לופט אנטדעקט
פֿון העלדנמוט די פרייד און די היסלאוועס,
און אָפּגעוואָרפן בערג אינמיטן וועג
מיט רוּיקן געמיט און מיט געדולדיקײַט פֿון סלאווען.

איז א באגינ דער שלאכט! די שווערד אין האנט פארפרעסט!
דעם קאָפּ צו ליכטיקײַט, ווי שטענדיק — ניט געבויגן;

דו וועסט אראָפּרײַסנ די סוואסטיק-שווארצע פּעסט,
וואָס האָט אינ לײַב פונ דר'ערד זיכ, ווי א פּיאווקע, אײַנגעזויגנ!

פארהויבנ שטאָלצ אינ דר'הייכ דעם קאָפּ,
צו דוירעס צוקינפטיקע ווײַט געווענדט שוינ, —
האָסטו אפ זיכ דעם ערשטנ קלאפּ
מיט שווערד אינ האנט גענומענ פאר דער מענטשהײַט!

אפ הוילנ לײַב — דער גאָלדענער באגינ,
אונ זיכ געשפּײַזט מיט קרײַטעכצער פונ פעלדער;
ס'איז דיר דורכ גײַסט פונ דײַנע אומשטערבלעכע זינ
באשערט די בכוירע פונ פארברידערנ די פעלקער!

ס'איז דיר באשערט צעשמעטערנ דעם שארבנ-ביינ מיט גיפט,
דו ביסט בארופנ אויסשנײַדנ דעם קרעפּס אונ אים באזיגנ,
אונ אָפּשאפנ דעם אויסגעטראכטנ מיפ
וועגנ דער אומבאזיגבארקײַט פונ כוישעכ אינ די קריגנ!

פונ זײַנע טריט צעטראָטנ קרעכצט די ערד,
אונ נאָכ א מאבל בענקענדיק, הייבט זי אָנ ראנגלענ זיכ אינ קלעמ איצט.
פונ מיזרעכ — ליכט! — דורכ פײַער אונ דורכ שווערד!
פונ מיזרעכ — ליכט! — דורכ דײַנ געוואגטנ עמעס!

1416
Universitäts-
bibliothek
UNIVERSITÄT POTSDAM
Inventarnr.
*98031066*

Цена 60 коп.

ПЕРЕЦ МАРКИШ

# СМЕРТЬ КАНИБАЛАМ

Universitätsbibliothek Potsdam

Ausleihnr.

*98031066*

ОГИЗ
осуда ственное издательство
„Дер Эмес" Москва 1941